NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08686

FUN ALE ZIBN ZAKHN

Litman

The original of this title comes from the permanent collection of the YIVO Institute for Jewish Research, New York, NY

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-08686-X

9780657086862T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

פֿון
אַלע
זיבן
זאַכן
1933

ליטמאַן

פון אַלע זיבן זאַכן

צענטראַלע יידישע ביבליאָטעק
און פּרעסע אַרכיוו

ארויסגעגעבן פון מעכאבער
בוענאָס איירעס
1933

LITMAN.

FUN ALE ZIBN ZAJN

(CUENTOS INFANTILES)

Buenos Aires
1 9 3 3

Printed in Argentina

מיינע קינדערלעך —

איצכאַקל און ברײַנדעלע

די בוימער זיינען ברוגז געווארן

די בוימער פון גאס האבן זיך איינמאל באנאכט צונויפ-געקומען אף אן אסיפע. רוקט זיך ארויס א הויכער בוים, א ברייטער, מיט א געדיכטן קאפ בלעטער און זאגט:

—כאוויירים בוימער! עס איז מער נישט אויסצוהאלטן פון אונדזערע קליינע שכייניםלעך; מיר שיצן זיי פון ווינט, שי-צן זיי פון שטורעם, פון רעגן און פון זון, און זיי קריכן אונדז אפן קאפ, פליקן אונדז אפ די בלעטער, רייסן און ברעכן די צווייגן.

א קליין, נידעריקביימעלע, מיט אן אויסגעפליקטן שפיץ האט זיך צעשאקלט און אנגעהויבן ריידן מיט א וויינענדיקער שטימע:

—מיר היטן אפ די גאס, גיבן איר צו שיינקייט, פריש-קייט, קילקייט, און זיי, דאס קליינוואַרג, ווארפט אף אונדז שטיינער און שטעקנס, שניידן אונדזערע שטאמען, בויגן אונדז צו דער ערד.

—זיי מיינען, אז אונדז טוט נישט וויי! — האט געזאגט א דריטער בוים, וואס איז געשטאנען אונטערגעבונדן מיט א שטעקן.

—וואָס-זשע גיט איר פאר אַן איצע? — האָט געפרעגט אַ פערטער.

—איך זאָג, אַז מיר זאָלן אוים פּראָטעסט פאַרלאָזן די גאַס.

—ריכטיק, כאַווירים! — האָט צוגעבאָמקעט אַן אַנדערער — פאַרלאָזן די גאַס און אַוועק אַהיים, אין אונדזער לאַנד אַריין — אין וואַלד.

—געוויס, דאָרטן זיינען מיר אַסאַך און קיינער וועט נישט וואַגן אונדז שלעכטס צו טון.

און באַלד האָבן זיך די ביימער אויסגעשטעלט צו צוויי אין אַ ריי און אָנגעהויבן מאַרשירן ווי סאָלדאַטן מיט געזאַנג אין דער ריכטונג צום וואַלד.

אַז די קינדער זיינען אויפגעשטאַנען אינדערפרי, איז די גאַס געווען פוסט און מען האָט נישט געזען קיין איין בוים. האָבן זיי זיך שטאַרק פאַרוואונדערט און אָנגעהויבן אויספרעגן זיך איינער דעם אַנדערן:

—וואו זיינען די בוימער?!..

—האָט מען זיי צוגענומען!...

—זיינען זיי אַוועק שפּאַצירן?...

—עפשער האָבן זיי זיך גאָר איבערגעצויגן אַף אַן אַנדער גאַס? . . .

און באַלד האָבן די קינדער אָנגעהויבן אויספרעגן יעדערן וועגן די בוימער: זיי האָבן געפרעגט דעם אַפּטייקער, וואָס וואוינט אַפן ראָג; געפרעגט דעם וויזשילאַנט, דעם שפּייז-קרעמער. אָבער אַלע האָבן גענומען מיט די פּלייצעס, זיך געוואונדערט און געזאָגט — זיי ווייסן נישט.

האט דער האן מיט דעם רויטן קאם געזען, ווי די קינ-דערלעך זיינען אזוי פארזארגט, האט ער זיך געגעבן א שמעל ארויף אף א דאך און אויסגעזונגען:

קוקארעקו !

די בוימער זיינען נישטא!

—וואו זיינען זיי געגאנגען ? — האבן די קינדערלעך אים א פרעג געטון.

קוקארעקו !

אין וואלד זיינען זיי דא.

ווען איר זיינט געשלאפן,

זיינען זיי אנטלאפן.

האבן די קינדער פון דער גאס אפגעהאלטן אן אסיפע. זאגט איינער:

—מען דארף זיי מיט פאליציי צוריקברענגען! וואס הייסט, עפעס לאזן א גאס אף הפקר !

—זיי טארן נישט אוועקגיין פון דאנען!

—ניין — זאגט איין אינגעלע — עס וועט נישט העלפן, זיי זיינען גערעכט. מיר האבן זיי שלעכט באהאנדלט, גע-פליקט זייערע בלעטער, געבראכן זייערע צווייגן, געקראכן זיי אפן קאפ, דארף מען גיין זיי איבערבעטן.

—און צוזאגן מער נישט צו טשעפען...

—זיי באהאנדלען ווי כאוויירים, ווי פריינט.

די קינדערלעך זיינען אלע באלד אוועק אין וואלד און אין א פאר שא ארום זיך אומגעקערט צוזאמען מיט די בוימער, לעבעדיק און לוסטיק.

דאָקטער בראָקט ערס רעצעפּטן

מאַכט נישט אַ אינגעלע די לעקציעס, שעמט ער זיך צו־מאָרגנס גיין אין שולע אַריין. שטייט ער אויף אינדערפרי און קלערט: וואָס טוט מען? קומט אָן די מאַמע, זעט איר אינגעלע זיצט אין בעטלע אַ פאַרטראַכטער, פרעגט זי:

—וואָס טוטסטו זיך נישט אָן, יאַנקעלע?

פאַלט יאַנקעלען איין אַ געדאַנק און ער זאָגט:

—איך בין נישט געזונט.

—נישט געזונט! וואָס איז דיר?

—דער קאָפּ טוט מיר וויי.

—נישט מער ווי דער קאָפּ?

—דער בויך און די פיס אויך.

די מאַמע טאַפּט יאַנקעלען דעם שטערן, קוקט אים אַריין אין די אויגן, אין העלדזל, און זאָגט:

—פאַרפאַלן. מען וועט מוזן מיט דיר אַריינגיין צו אַ דאָקטער.

אַ דאָקטער איז אַ דאָקטער. יאַנקעלע האָט נישט מוירע. ער טראַכט זיך: וואָס וועט ער מיר טון, דער דאָקטער. — פאַר־שרייבן ביטערע פראָשקעס? צי הייסן שטעלן באַנקעס? מיילע, אַלץ בעסער. ווי גיין אין שולע אַריין און דער לערער זאָל אים עפּעס פרעגן און ער זאָל נישט וויסן וואָס צו ענטפערן.

אז יאַנקעלע איז געקומען צום דאָקטער, האָט ער אים פריער גוט באַטראַכט, אַריינגעקוקט אין האַלדז, אין די אויגן און גענומען דערנאָך אויספרעגן.

—וואָס טוט דיר וויי?

—דער קאָפּ.

—נישט מער ווי דער קאָפּ?

—די נאָז, דער האַלדז, דער בויך און די פיס אויך.

—אַלץ מיט אַמאָל?

—יאָ, אַלץ מיט אַמאָל.

רעדט ער נישט, דער דאָקטער, קיין וואָרט, נעמט און שרייבט עפּעס אָן אויף אַ פּאַפּירל און גיט עס דער מאַמען.

—אָט דאָ פאַרשרייב איך אייך צימעס, גיט אים אַלע שאָ אַ ביסל צימעס, נאָר געדענקט, וואָס מער צימעס איז בעסער.

נעמט די מאַמע דאָס פּאַפּירל און גייט מיט דעם אין אַפּ-טייק, הויבט מען מיט די פּלייצעס.

—מיר האָבן נישט קיין צימעס.

גייט זי אין אַ צווייטן, אין אַ דריטן און אין אַ פערטן אַפּטייק, וואונדערט מען זיך:

—צימעס! נאָך קיינמאָל נישט געהערט פון אַזאַ רעצעפּט.

דערמאָנט זיך די מאַמע, אַז ערגעץ אין צענטער איז דאָ אַן אַלטער אַפּטייקער, אַ גרויסער וויסער, פאָרט זי אַריבער צו אים און פרעגט אים:

—איר האָט עפּעס צימעס?

קוקט ער איר אָן.

—וואָס איז דאָס פאַר אַ רעצעפּט?!

וויזט זי אים דאס פּאַפּירל.

צעלאכט ער זיך, דער אַלטער און זאָגט:

—אַהאַ! — אויב דאָס איז פון דאָקטער סעניאָר בראָק-טער, ווייס איך שוין.

און ער הייסט דער מאַמען לייענען צימש-פּאַרקערט, אַף צוריק, הייסט עס.

די מאַמע איז געקומען צלויפן א בייזע אהיים און געוואָלט י[illegible]ן דערציילן, אַז דער דאָקטער האָט אים פאַר-שריבן ש[illegible]ץ, [illegible]ר זי האָט אים שוין נישט געטראָפן. דאָס אינגעלע האָט כאַראָטע געהאַט אַף דעם גאַנצן אייסעק און געכאַפּט די העפטן מיט די ביכלעך און אַליין אַנטלאָפן אין שולע אַריין.

מיכל מיטן אָמניבוס

מיכל וויל אַ קיכל, מיכל וויל אַ טיכל, מיכל וויל אַ שיכל, מיכל וויל אַ ביכל, מיכל וויל און וויל.

אַזאַ אינגעלע איז מיכל: וואָס די אויגן זעען, וויל ער.

גייט ער אין גאַס און זעט אַ טראַמוויי, זאָגט ער:

—פּאַפּאַ! קויף מיר אַ טראַמוויי.

—האָסט דאָך שוין אַ טראַמוויי!

—איך וויל אַן עמעסן טראַמוויי, אַט אַזעלכן, וואָס גייט אין גאַס אויף רעלסן.

—וואו וועסטו אים האַלטן?

—אונטער מיין בעטעלע.

גייט דער טאַטע מיט אים ווייטער, זעט מיכל אַ גרויסן וואָגן געשלעפּט פון צוויי פּאָר פערד.

—טאַטע! קויף מיר אויך אַזאַ וואָגן מיט פערד.

—וואָס וועסטו מיט זיי טון?

—איך וועל מיט זיי אַרומפאָרן.

—און וועסט נישט מוירע האָבן פאַר די פערד?

—ניין.

אָבער באַלד פאַרגעסט מיכל אין דעם טראַמוויי און אין די פערד און הייסט זיך קויפן בעסער אַן אָמניבוס.

אָבער דאָס מאָל טרעט מיכל שוין נישט אָפּ, ער שלעפּט דעם טאַטן פאַר דער פּאָלע.

—אַן אָמניבוס, טאַטע! קויף מיר אַן אָמניבוס!

—צו וואָס דארפסטו אַן אָמניבוס?

— איך וועל פאָרן מיט אים שפּאַצירן.

נעמט דער טאַטע ארויס פינף סענט און גיט אים.

—נאַ, מיכל, געלט און קויף דיר אַן אָמניבוס.

מיכל לייגט אריין די פינף סענט אין קעשענע און איז צופרידן.

—פּאַפּאַ! איך וועל זיך קויפן אַ גרויסן אָמניבוס, אַ רויטן מיט בלויע רעדער.

אַז מיכל קומט אהיים, דערציילט ער אַלע קינדער, אַז זיין טאַטע האָט אים געגעבן פינף סענט צו קויפן אַן אָמניבוס. לאַכן זיי פון אים.

—אַן אָמניבוס קויפט מען פאַר פינף סענט?

לויפט מיכל אריין צום טאַטן:

—פּאַפּאַ! אַן אָמניבוס קויפט מען נישט פאַר פינף סענט.

—נאָר פאַר וויפל דען?

—פאַר צען סענט.

גיט אים דער טאַטע נאָך פינף סענט און הייסט אים זיך קויפן אַן אָמניבוס.

—נאָר געדענק, זאָגט ער אים, אַ גרויסן אָמניבוס, אַ רויטן, מיט בלויע רעדער. טאָמער גיט מען דיר אַ ווייסן, מיט שווארצע רעדער, זאָלסטו נישט נעמען.

—יאָ — זאָגט מיכל — א גרויסן אָמניבוס, א רויטן מיט בלויע רעדער.

—און גיב גוט אכטונג, אַז די רעדער זאָלן זיין קיילעכדיקע.

מיכל לויפט אַרויס אין דרויסן און ווייזט די קינדער, אַז ער האָט שוין אַסאַך געלט און אַז ער וועט זיך קויפן אַן אָמניבוס.

יאַנקל דער גרויסער לאַכט און זאָגט:

—שאַ, וואו קויפט מען אַן אָמניבוס, ווייסטו?

מיכל שטייט און קלערט. מיכל ווייסט נישט.

—אין אַלמאַסען — זאָגט אים יאַנקל.

איז דאָך מיכל אַ נאַר, פאָלגט ער און גייט אַריין אין אַלמאַסען און הייסט זיך געבן פאַר צען פענט אַן אָמניבוס. זאָגט אים דער קרעמער:

—אין אַלמאַסען ווילסטו קויפן אַן אָמינבוס!

—וואו דען?

—אין אַפּטייק.

גייט מיכל אין אַפּטייק. לאַכט מען פון אים און מען שיקט אים אין קוילן-געשעפט. גייט ער אין קוילן-געשעפט, לאַכט מען נאָך מער און מען הייסט אים גיין אין אַ ווײַן-געשעפט. קומט ער אין אַ וויין-געשעפט, זאָגט אים דער מענטש, אַז אָמניבוסן קויפט מען גאָר אין שפּילצייג-געשעפט. קומט ער אין שפּילצייג-געשעפט, ווייזט מען אים אַ קליין אמניבוסל און מען פרעגט אים:

—אַזעלכן ווילסטו?

—ניין, — זאָגט מיכל — איך וויל אַן עמעסן אָמניבוס, אַ גרויסן מיט בלויע און קיילעכדיקע רעדער.

מיכל לויפט אין אַן אנדער קראָם און אַלע קינדערלעך פון גאַס לויפן אים נאָך מיט אַ געלעכטער און שרייען:

—מיכל נאַר!

—מיכל וויל אַ גרויסן אָמניבוס מיט בלויע, קיילעכדיקע רעדער!

—און מיט אַ מאָטאָר!

זעט מיכל, אַז ער קריגט נישט צו קויפן אַן עמעסן אָמניבוס, אַ גרויסן, לויפט ער אריין צו זיין טאַטן מיט אַ געוויין:

—פּאפּאַ! עס איז נישטאָ קיין גרויסע אָמניבוסן.

זאָגט אים דער טאַטע: ווייסטו וואָס, קויף דיר אַ קליין אָמניבוסל און האַלט אים באַ דיר אַזוי לאנג, ביז ער וועט אויסוואַקסן און ווערן אַ גרויסער.

מיכל נאַר האָט געפאָלגט. מיכל נאַר האָט געקויפט אַ קליין אָמניבוסל פאַר צען סענט און ער וואַרט, אַז ער זאָל אויסוואַקסן און ווערן אַ גרויסער....

דאָס פֿאַרבלאָנדזשעטע קעצל

די קינדערלעך זיינען אוועקגעגאַנגען אין שולע, איז די קאַץ געבליבן אַליין אין שטוב. איז איר געוואָרן אומעטיק און זי איז אַרויס אַפּן גאַס כאַפּן אַביסל פרישע לופֿט.

שפּאַצירט זי אַזוי די קאַץ און שפּאַצירט, ביז זי פֿאַר־שפּאַצירט זיך און פֿאַרגייט ווייט, ווייט און ווייסט נישט ווי צוריקצוגיין אַהיים.

האָט די קאַץ אָנגעהויבן מיאַוקען און פֿרעגן, אָבער קיי־נער האָט נישט פֿאַרשטאַנען איר קעציש לשון און נישט גע־וואוסט וואָס זי וויל.

דערווייל איז געוואָרן פֿאַרנאַכט און געוואָרן באַנאַכט און די קאַץ איז געוואָרן מיד, הונגעריק און שלעפֿעריק. האָט זי גענומען און זיך אוועקגעלייגט אינמיטן גאַס און אַנטשלאָפֿן געוואָרן.

פֿאָרט אָן אַ מענטש מיט אַן אויטאָמאָביל, הויבט ער אָן פּייפֿן און טרובען:

קאַץ, קאַץ, קעצל,
איך מאַך פֿון דיר אַ פּלעצל!
הערט נישט די קאַץ און שלאָפֿט.

גייט אראָפּ דער שאָפער, שאַרט אַוועק די קאַץ און פאָרט אַדורך.

ווערט די קאַץ בייז און לייגט זיך צוריק אָפּן זעלבן אָרט. פאָרט אָן אַן אָמניבוס, הויבט ער אָן קוויטשען און טראַמביען:

קעצל, קעצל, קאַץ,
מאַך מיר גיכער פּלאַץ!

מאַכט זיך דאָס קעצל נישט הערנדיק און שלאָפט ווייטער. גייט אראָפּ דער מענטש און שאַרט ווייטער אַוועק די קאַץ און פאָרט דורך.

פאַרדריסט עס נאָך מער דער קאַץ און זי לייגט זיך ווי-דער אינמיטן גאַס. פאָרט אָן אַ טראַמוויי און קלינגט:

קעצל, קעצל, גיין!
איך מאַך פון דיר באַלד צוויי!

הערט נישט דאָס קעצל און שלאָפט. לויפט אראָפּ דער קאָנ-דוקטאָר און טרייבט אראָפּ דאָס קעצל פון גאַס און פאָרט ווייטער.

זעט די קאַץ, אַז עס איז שלעכט, מען לאָזט נישט שלאָפן אין גאַס, שפּרינגט זי אַרויף אַף אַ בוים און שלאָפט אָפּ אַ גאַנצע נאַכט.

אז דער טאַטע קומט אַהיים

אַז דער טאַטע קומט פֿון דער אַרבעט, באַהאַלט זיך ברײַנדעלע הינטער דער טיר און שרײַט:

—נישטאָ ברײַנדעלע!

בלײַבט דער טאַטע שטיין אינמיטן שטוב אַ פֿאַרכידעשטער און פֿרעגט:

—וואו איז זי געגאַנגען?

ענטפֿערט ברײַנדעלע פֿון הינטער דער טיר:

—אין „מערקאַדע״ אַרײַן.

—נאָך וואָס?

—קויפֿן עסן.

—אַזוי! לאָמיר זי נאָר אַ זוך טון.

זוכט דער טאַטע אונטערן בעט, זוכט אויף דער שאַפֿע, אין די ווינקעלעך, ביז ער גייט צו און טוט אָן עפֿן די טיר.

—ט׳האָסטו דאָך אַ מיידעלע! ווער איז דאָס?

—דאָס איז נישט ברײַנדעלע, עס איז בײַעלע.

—בײַעלע! אויב אַזוי, וואַרף איך עס אַרויס. בײַעלען האָב איך פֿײַנט. בײַעלע איז אַ שלעכט מיידעלע.

און דער טאַטע נעמט ברײַנדעלען אויף דער האַנט און טוט עס אַ וואַרף אין דער לופֿטן.

—שוין ארויסגעווארפן!
בריינדעלע האט האנאע, זי קוועלט און לאכט.
—פאפא, איך בין שוין צוריקגעקומען פון „מערקאדע״,
— זאגט זי.
—גוט. וואס האסטו געבראכט?
—פלייש, גרינס, פרוכט, ברויט.
—אויב אזוי, נעם זשע און קאך מיר אפ עסן.

בריינדעלע נעמט צונויף אביסל פאפירלעך, מאכט פון קלעצעלעך א קיך און פון א פושקעלע א טעפל, פארקאשערט די ארבל און שטעלט זיך קאכן דעם טאטן עסן.

זאגט די מאמע:
—איך האב דאך אפגעקאכט פארן טאטן עסן.
—ניין — זאגט בריינדעלע, — איך!
—מיין עסן דארף דער פאפא עסן.
—ניין, מיינס! — זאגט בריינדעלע.
און זי דערלאנגט די פאפירלעך צום טיש און זאגט:
—עס, פאפא, גוט.

די פאַרווײנטע גאַס

ראָכעלע איז געווען מיט דער מאַמען אין פּאַרק, האָט מען איר דאָרטן געקויפט אַ העלבלויען לופט-באַלאָן. אַז זי איז אַהיימגעקומען, איז איר אַנטקעגנגעלאָפן אידעלע.

—אוי, ס׳אַ שיינער לופטבאַלאָן! וויפל קאָסט ער?

—צען סענט.

לויפט אידעלע אַריין צו זיין מאַמען.

—גיכער! גיב מיר צען סענט, איך וויל אויך קויפן זיך אַ לופטבאַלאָן.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום קומט אָן מאַלקעלע און דער-פרייט זיך אויך מיט ראָכעלעס לופטבאַלאָן.

—וואו האָסטו אים גענומען?

—געקויפט אין פּאַרק.

—עס איז דאָ אַסאַך?

—עפּשער טויזנט.

לויפט מאַלקעלע אויך אַריין צו דער מאַמען נאָך געלט, צו קויפן אַ לופטבאַלאָן.

דערנאָך קומט אָן כאַוועלע, יענטעלע, אַווראַמעלע און מוישעלע און זיי געפעלט אויך שטאַרק ראָכעלעס לופטבאַלאָן און זיי לויפן אויך נאָך געלט.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָבן זיך אַלע קינדערלעך פון

גאס, אינגעלעך און מיידעלעך, געלאזט אין פארק אריין זוכן דעם מענטש מיט די לופטבאלאנען און אים נישט געפונען. זיי-נען זיי צוריקגעקומען אהיים צו זייערע טאטעס און מאמעס.

—דער מענטש איז שוין נישטא!...

—וועט ער זיין מארגן.

אבער די קינדערלעך האבן נישט געוואלט ווארטן ביז מאר-גן און געוואלט ש ו י ן האבן לופטבאלאנען און אזוי ווי עס איז שוין געווען נאכט און מען האט נישט געקריגן אין ערגעץ צו קויפן, האבן זיי זיך צעוויינט.

גייט אדורך א מענטש, הערט ער פון אלע שטובן וויי-נען קינדערלעך און בלייבט שטיין א פארכידעשטער:

—וואס איז דאס עפעס פאר א גאס?

זאגט מען אים:

—איין קינדעלע האט א לופטבאלאן און די אנדערע ניט, וויינען זיי.

גייט ער, דער מענטש אוועק און קלאפט אן אין א טיר.

—שטיי אויף, מענטש!

—וואס איז געשען?

—פאראן א גאס, וואו אלע קינדער וויינען און ווילן הא-בן לופטבאלאנען.

—ווי הייסט זי?

—די פארוויינטע גאס.

—וואו געפינט מען זי?

—וועסט גיין און גיין און וואו דו וועסט הערן א גרויס

געוויין, וועסטו שוין אליין פארשטיין, אז דארטן וועסטו לייזן שיין.

דער מענטש האט זיך אף גיך אנגעטון. געכאפט זיינע לופטבאלאנען און מיט זיי ארויס אפן גאס און אזוי געגאנגען און געגאנגען ביז ער איז געקומען אף א ראג, וואו ער האט דערהערט א גרויס געוויין און אויסגעשריגן:

—לופטבאלאנען! לופטבאלאנען!

זיינען זיך צונויפגעלאפן אלע קינדערלעך און אין איין מינוט האט דער מענטש פארקויפט די גאנצע סכוירע.

פישעלע מיטן טישעלע

אמאָל איז געווען אַ אינגעלע, האָט ער געהייסן פישעלע. האָט פישעלע געהאַט אַ טישעלע, א שיין טישעלע. האָט ער קיינעם נישט געלאָזט זיך זעצן נעבן דעם. נישט אָנרירן עס און אַפילע נישט קוקן אַף דעם. האָט אַ אינגעלע אַ קוק געטון אַף זיין טישעלע, האָט ער אַנגעהויבן שרייען; האָט ער עס אָנגע-רירט, איז ער געוואָרן בייז, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט נעבן דעם, האָט ער געוויינט.

—מיין טישעלע!.. מיינס...

האָט אים דער טאַטע גערופן שלעכטער, די מאַמע — נאַ-רעלע, די אינגעלעך—פישעלע טישעלע, אָבער דאָס האָט נישט געהאָלפן; פישעלע האָט נישט געלאָזט אָנרירן קיינעם זיין טי-שעלע און וואו ער איז געגאַנגען האָט ער עס מיטגעטראָגן מיט זיך.

איינמאָל, איז פישעלע געשלאָפן. האָט זיך אים געכאָ-לעמט, אַז ער איז דאָ אַליין אין „באַלנעאַריאָ“, וואו עס איז דאָ אַ סאַך, אַ סאַך מענטשן. וויל ער זיך, פישעלע, אַפרוען, אַוועק-זעצן אף אַ באַנק, שרייט עמיצער אוים:

—אַראָפּ! עס איז נישט דיין באַנק....

הויבט זיך פישעלע אויף און גייט צו צום יאַם. וויל אַ

קוק טון אף אים, שרייט עמיצער אוים:

—וואס קוקסטו! עס איז דיין יאס?

גיים פישעלע ווייטער און הערט שפילן מוזיק, שטעלט ער אן אויערן און וויל אויך הערן, לאזט מען אים נישט.

—נישט דיין מוזיק!

האט פישעלע אויפגעהויבן דעם קאפ צום הימל, צו די פייגעלעך, צו די בוימער, צו די עראפלאנדעלעך — האט מען אים נישט געלאזט; אומעטום וואו ער איז געשטאנען און געגאנגען האט מען אים אוועקגעטריבן, געשריגן: קוק נישט!.. ריר נישט אן!.. עס איז נישט דיינס!..

קומט פישעלע אהיים און נעמט א שטיקל ברויט, וויל עסן, לויפט אריין דער בעקער און כאפט אים אן באם הענטל.

—נישט דיין ברויט!

גייט ער צו צום קראן, נעמט א גלאז וואסער און וויל טרינקען, לויפט ווידער עמיצער אן און רייסט אים ארוים די וואסער פון האנט.

—דיין וואסער, הא?

גייט פישעלע און וויל זיך אוועקלייגן אפן בעטעלע שלאפן, לויפט אן א מענטש און פארשטעלט אים דעם וועג.

—דאס בעטעלע איז נישט דיינס!..

— — — — — — — — — — — — —

פישעלע האט זיך אויפגעכאפט. האט ער געדענקט אלץ, וואס ס'האט זיך אים געכאלעמט. איז ער געווארן גאר אן אנדערער. ער האט שוין געלאזט קוקן אף זיין טישעלע, עס אנרירן און אפילע זיצן און שפילן זיך געבן דעם.

דער קוימען גייט אים נאָך

אַף דער „קוואַדרע״, וואו שלוימעלע וואוינט, איז פאַראַן אַ פאַבריק מיט אַ הויכן, שווארצן קוימען, איז קוקט ער אים טאָמיד נאָך און באַגלייט אים אומעטום, וואו ער גייט.

דאָס ערשטע מאָל האָט שלוימעלע עס באַמערקט, פאָרנדיק מיט־דער מאַמען שפּאַצירן אין באָטאַנישן גאָרטן.

אפן וועג צום טראַמווײ, ווען זיי זיינען שוין געהאט אָפּגעגאַנגען אַ פאָר „קוואַדרעס״, האָט שלוימעלע זיך אומגעקוקט און געזען, אַז דער הויכער, ט[illegible]בער קוימען גייט אים נאָך.

—מאַמע! — האָט ער אויסגעשריגן א פארוואונדערטער — זע נאָר דעם קוימען, ער גייט דאָך אונדז נאָך!

די מאַמע האָט געלאַכט.

—נו, וואָס-זשע אַרט דיך?

—איך וויל נישט ער זאָל מיט מיר מיטגיין אין גאָרטן.

די מאַמע פאַרזיכערט אים, אַז ער וועט נישט מיטגיין.

—בא דער טיר פון גאָרטן זאָגט זי, שטייט א וועכטער און ער וועט אים נישט אַריינלאָזן.

אַבער שלוימעלע גייט אביסל ווייטער און זעט, אַז דער

קוימען גייט מיט אים אַלײן מיט, שפרייזנדיק איבער פּלויטן און דעכער.

—מאַמע! ער גייט נאָך מיט.

—זאָל ער גיין. וואָס־זשע מיינסטו, אַז דער קוימען טאָר נישט גיין שפּאַצירן?

שלוימעלע קוקט אַפן קוימען און טראַכט.

—יאָ — זאָגט ער — אָבער זאָל ער זיך אויך אָפּוואַשן אַזוי ווי איך. ער איז דאָך שוואַרץ און איינגעסאַזשעט.

ווען שלוימעלע האָט זיך אויפגעזעצט אַפן טראַמוויי, האָט ער שוין־מער דעם קוימען נישט געזען און באַלד אויך אין אים פאַרגעסן. ער האָט אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער אין גאַס אַריין, באַטראַכט די דורכגייענדיקע מענטשן, די אויטאָמאָבילן, די געשעפטן און זיך שטאַרק געפרייט מיטן געדאַנק, אַז ער וועט זיך באַלד אין גאָרטן הוידען און גליטשן און אַרומלויפן, שפּילן זיך מיט אַ סאַך אינגעלעך און מיידעלעך אַפן גראָז.

צוריקגעקומען פון גאָרטן איז שלוימעלע שוין פאַרנאַכט. ער איז שוין געווען מיד און הונגעריק און געוואָלט וואָס גיכער זיין אין שטוב, אויסרוען זיך אַביסל. אָבער באַלד, ווי נאָר ער איז אַפּגעשטיגן פון טראַמוויי און איז אָפּגעגאַנגען אַ פּאָר טריט, האָט ער ווידער דערזען דעם קוימען.

—אָט האָסטו דאָך אים! — האָט שלוימעלע אַ געשריי געטון.

—וועמען? — האָט די מאַמע געפרעגט.

—דעם קוימען.

די מאמע האט געשמייכלט.

—ער איז דא געשטאנען און געווארט אף דיר. אז דו ביזט נישטא אפן גאס איז אים אומעטיק.

שלוימעלע האט שוין קיין אייג נישט ארופגעלאזט פון קימען. וועלכער האט זיך לאנגזאם געדוקט אף צוריק, גלייך, ווי ער וואלט אים וויזן דעם וועג אהיים.

פון דעמאלט אן, האט שלוימעלע אנגעהויבן אלץ מער צו זען דעם קימען. ער האט באמערקט. אז ער קוקט אריין צו אים אין הויף, גייט אים נאך אפן גאס, באגלייט אים אין זיינע לויפעניש צו דער „סקינע" און זיך שטארק געווידעשט:

ווי אזוי שפרייזט ער איבער פלויטן און דעכער? פארוואס גייט ער מיר אומעטום נאך און קוקט מיך שטענדיק אזוי אן?

און שלוימעלע האט וועגן דעם געטראכט און געטראכט און אלץ נישט געקענט פארשטיין דעם סייבל פון הויכן, שווארצן קימען און איז סאפקאלסאף בייז געווארן אף אים.

—קימען, קימען, גיי אוועק! איך וויל נישט זאלסט מיר נאכגיין!

דער קימען האט נישט געלאכט. נישט געוויינט, נאר גע-שטאנען און געקוקט אף אים שטרענג און ערנסט.

—קימען, קימען, איך וועל זיך ארויסציען פון דאנען!

— האט ער א געשריי געטון — איך וועל זיך ארויסציען בא-נאכט, ווען דו וועסט נישט זען.

אבער באלד האט ער זיך דערמאנט, אז דער קימען שטייט אזוי טאג און נאכט און דער הויך איבער אלע דעכער און דערבלעך און גיט אכטונג אף אים און אף דער גאנצער

שטוב זיינער, גלייך ווי ער וואלט אים געהיט, ער זאל נישט אנטלויפן.

—ניין — האט ער זיך געטראכט—איך וועל נישט קענען אנטלויפן פון אים. ער וועט מיר נאכגיין אין דער נייער דירע אריין אויך.

ווען שלוימעלעס טאטע איז געקומען פון פאבריק און אראפגעווארפן פון זיך די ארבעט-קליידער, האט ער אים דערציילט די מייסע מיטן קוימען, וואס קוקט אים טאמיד נאך און גייט מיט אים אומעטום מיט.

דער טאטע האט געלאכט, געזאגט, אז ער איז א נארעלע און דערנאך איבערדערציילט אלין דער מאמען און געזאגט:

—ד ע ר קוימען, צי אן אנדער קוימען, — יעדן ארבע-טערס קינד גייט נאך א הויכער, שווארצער קוימען, גייט אים נאך אזוי לאנג, ביז דער קוימען קריגט אים אריין אינע-ווייניק, אין זיין פאבריק.... מיר איז מיסטאמע אויך אמאל נאכגעגאנגען אזא קוימען...

דעם טאטנס געלעכטער האט שלוימעלען אינגאנצן בא-ריקט, ער האט פון אים פארשטאנען, אז עס איז גאר קיין בייז נישט און זיך שוין געטראכט:

—איז וואס, אז עס גייט מיר נאך א קוימען פון א פאב-ריק? — מיין טאטן איז אויך נאכגעגאנגען אזא קוימען...

ארעלע נארעלע

ארעלע נארעלע גייט אין גאס. גייט ער פארביי א פענ-צטער און זעט א שניידער זיצן בא-א טיש און צושניידן סכוי-רע. שטעלט ער זיך אפ און קוקט אריין. דערזעט אים דער שניידער, פרעגט ער אים:

—אינגעלע, צינגעלע! עס געפעלט דיר די ארבעט?

—יא — ענטפערט ארעלע.

—ווילסט זיין א שניידער?

—יא.

—וואס קענסטו טון ?

קלערט ארעלע און זאגט:

—איך קען שערן פאפיר און קריכן אף דער טיר; איך קען עסן זיסע זאכן און קען וויינען און לאכן.

—און א נאדל האלטן אין האנט קענסטו?

—ניין. א נאדל האלטן האב איך מורע. מיט א נאדל קען איך זיך צעשטעכן די פינגערלעך.

—אויב אזוי, טויג נישט — זאגט דער שניידער.

גייט ארעלע נארעלע ווייטער און בלייבט שטיין פאר א טיר, וואו ער זעט ארבעטן א סטאליער. שטעלט ער זיך אפ און קוקט אריין. פרעגט אים דער סטאליער:

—אינגעלע, צינגעלע! ווילסט זיין א סטאליער?

—יא.

—וואס קענסטו טון?

קלערט ארעלע נארעלע און זאגט:

—איך קען שפילן אין „פעלאטע" און זיך איינשמירן אין

בלאטע, איך קען אראפשפרינגען פון צוויי טרעפלעך און זיך אפרייסן אלע קנעפלעך.

לאכט דער סטאליער און פרעגט:

—און א העבל האלטן אין האנט קענסטו?

—ניין — זאגט ארעלע נארעלע — א העבל איז שווער, ער קען מיר נאך פאלן אין די פיס אריין.

—אויב אזוי, טויג נישט — זאגט דער סטאליער.

גייט ארעלע נארעלע ווייטער און שטעלט זיך אפ פאר א קלייטל, וואו עס זיצט א שוסטער און קלאפט פלעקלעך.

—אינגעלע, צינגעלע! — פרעגט אים דער שוסטער — די ארבעט געפעלט דיר?

—יא.

—ווילסט זיין א שוסטער?

—יא.

—וואס קענסטו טון?

טראכט ארעלע נארעלע אביסל און זאגט:

—איך קען לויפן ווי א פערדל און זיך צוקלעפן א בערדל, איך קען שפרינגען ווי א האז און זיך צעהאקן די נאז.

—און פלעקלעך קלאפן קענסטו?

—איך קען, נאר איך האב מוירע, איך קען זיך נאך אפ־קלאפן א פינגער.

—אויב אזוי, טויג נישט.

זעט ארעלע נארעלע, אז מען וויל אים נישט צונעמען צו קיין שום ארבעט, לויפט ער אהיים און נעמט זיך לערנען שרייבן און לייענען.

דאָס קינד, דער ווינט, דער הונט

וועוועקעס הונט איז געלעגן און געדרימלט אַף דער זון. איז דורכגעלאָפן אַ ווינט און אים געגעבן אַ גלעט איבער דער מאָרדע. כאַפּט זיך וועוועקעס הונט אויף און פרעגט:

— ווער האָט עס מיר געגלעט איבערן קאָפּ?

—דער ווינט — זאָגט אים וועוועקע — נישט איך.

ווערט דער הונט בייז.

—וואָס האָט ער מיך צו גלעטן, דער ווינט? און וואו איז ער ?

—ער איז אַנטלאָפן.

טוט זיך דער הונט אַ רייס אויס און הייבט אים אָן נאָכלויפן.

לויפט אים וועוועקע נאָך און שריים: ניאַמאַ! ניאַמאַ! קום אַהער.

אָבער דער הונט הערט נישט. ער לויפט.

לויפט דער הונט נאָכן ווינט און דאָס קינד נאָכן הונט. לויפן זיי און לויפן, גאַס איין און גאַס אויס, ביז זיי קומען אין פעלד און פון דאָרטן אין וואַלד.

בלייבט שטיין דער ווינט, בלייבט שטיין דער הונט,

בלייבט אויך שטיין דאָס קינד און אַלע דריי קוקן זיך איבער פאַרוואונדערט.

זאָגט דער ווינט:

—וואָס ביזטו מיר נאָכגעלאָפן, הונט!

—ווייל דו האָסט מיך אַ גלעט געטון, בין איך דיר נאָכגעלאָפן.

פרעגט דער הונט:

—און פאַרוואָס האָסטו מיך געגלעט?

—ווייל איך האָב דיך ליב.

—אַזוי! און דו, העזקע, פאַרוואָס ביזטו מיר נאָכגעלאָפן?

—ווייל איך האָב דיך אויך ליב, ענטפערט דאָס קינד.

האָט געלאַכט דער ווינט, געלאַכט דער הונט, געלאַכט דאָס קינד און דער וואַלד האָט אויך געלאַכט. און אַלע דריי האָבן זיך אין פריילעכן גאַלאָפּ אומגעקערט אין שטאָט אריין.

פריער איז געלאָפן דער ווינט און נאָך אים דער הונט און צום לעצט דאָס קינד.

דאָס אייזל, וואָס האָט מוירע פאַר דער לעוואָנע

אַן אייזל האָט איינמאָל אין אַ נאַכט נישט געקענט שלאָפן, איז ער ארויס אָפן גאָס אביסל הורכשפאצירן זיך. גייט ער אזוי, באגעגנט ער אָפן וועג א הונט, וואָס שטייט מיט א פאַריסענעם קאָפּ און שרייט צו עמיצן ארויף.

—אָף וועמען שרייסטו אזוי, קאָלעגע הונט? — פרעגט אים דאָס אייזל.

—הייב אויף דיין קאָפּ, קאָלעגע אייזל, וועסטו זען — ענטפערט אים דער הונט און בילט ווייטער.

אָבער דער אייזל איז געווען פויל און הונגעריק און ער האָט זיך געטראַכט, אַז עס לוינט זיך אים גאָרנישט אויפצוהייבן דעם קאָפּ: ערשטנס, איז דאָס צופיל ארבעט פאַר אים, און צווייטנס, איז אים קיין נאָפקעמינע נישט אָף וועמען דער הונט שרייט.

גייט ער ווייטער, דער אייזל, מיט אַן אראָפּגעלאָזענעם קאָפּ און זוכט אביסל גראָז אַ טשיפּע צו טאָן. באגעגנט ער אַ קאָץ, וואָס שטייט אין מיאַוקעט אין הימל אריין.

—צו וועמען רעדסטו אזוי, קאָלעגע קאָץ? — פרעגט איר דאָס אייזל.

—הייב אויף דיינע אויגן, קאלעגע אייזל, וועסטו זען.

אבער דאס אייזל האלט זיך דאך פאר א קלוגן, א פראק-טישן, זאגט ער:

—אויך מיר קעדאי! עס איז נישט פאר מיין קייעד....

גייט דער אייזל ווייטער. באגעגנט ער א קו, וואס ליגט אף דר'ערד און מעקעט אין הימל אריין.

—מיט וועמען טיינעסטו זיך אזוי אים. קאלעגע קו?

—טו א קוק אין הימל, קאלעגע אייזל, וועסטו זען — ענטפערט די קו און מעקעט ווייטער.

טראכט זיך דער אייזל: נישט קעדאי די גאנצע ארבעט. קיין גראז א טשיפע צו טאן איז אפן הימל נישטא, איז וואס וועל איך דארטן זען! אבוצדעס — טראכט זיך דער אייזל — האט מיין זיידע קיינמאל נישט איפגעהויבן די אויגן אין דער הייך. און מיין טאטע האט קיינמאל נישט באנאכט קיין קוק געטאן אין הימל און איך וועל עס אייך נישט טאן.

גייענדיק ווייטער. איז דאס אייזל צוגעקומען צו א וואלד און ווי נאר די מאלפעס האבן אים דערזען, האבן זיי זיך שטארק דערפרייט.

—אט גייט דער אייזל, וועלן מיר אביסל א שפיל טון מיט אים.

אז דער אייזל איז צוגעקומען נעענטער. האט אים א מאלפע אראפגעווארפן א צווייג אין קאפ אריין. דער אייזל האט זיך דערשראקן, אבער די אויגן האט ער אלץ נישט איפ-געהויבן.

—ווער איז דארט? — האט דער אײזל געפרעגט, קומענדיק צו זיך.

אבער אזוי ווי קיינער האט נישט געענטפערט, איז ער געגאנגען ווייטער און זיך געטשיפעט דאס גראז.

אפגייענדיק א פאר טריט, טוט ווידער א טאלפע א וואר: דעם אײזל אין קאפ אריין א שטעקן.

— אוי! — טוט דער אײזל א געשריי, אלץ נים איפהויבנדיק דעם קאפ — ווער ווארפט?

קיינער ענטפערט נישט.

דאס דריטע מאל האט דער אײזל שוין באקומען אזא שטארקן זעץ, אז ער האט געגעבן נישט ווילנדיק א פארייס דעם קאפ אין דער הויך און דערזען די לעוואנע.

—אזוי! — האט ער אויסגעשריגן צו דער לעוואנע — דאס ווארפסטו די שטעקנס אין קאפ אריין!

און אין א ווײלע ארום האט ער צוגעגעבן:

—איצט ווייס איך שוין אף וועמען דער קאלעגע הונט און די באווערטע קאץ און די בעהיימע האבן זיך אזוי גע־בייזערט.

אז דער אײזל איז אהיימגעגאנגען, האט ער געזאגט זייַנע באוויירים:

—אז עס איז דא א לעוואנע, האב איך געהערט, אבער אז די לעוואנע ווארפט איך שטעקנס אין קאפ אריין, דאס האב איך קיינמאל נישט געוואוסט.

פון דעמאלט אן, זאגט מען, גייט דער אײזל אין ליכטיקע נעכט נישט ארויס אפן גאס.

איצבאָקל איז געוואָרן אַ גרויסער

אַלע קליינע קינדערלעך ווילן זיין גרויסע. איצבאָקל אויך. אַמאָל, אַז די מאַמע לאָזט אים נישט אַוועקגיין אַליין ווייט פון שטוב, זאָגט איצבאָקל:

—מאַמע! ווען וועל איך שוין קענען גיין אומעטום אַליין?

—ווען דו וועסט זיין אַ גרויסער, זונעלע — ענטפערט אים די מאַמע.

—ווען-זשע וועל איך שוין זיין אַ גרויסער? פרעגט ער.

—ווען דו וועסט אויסוואַקסן.

—איך וויל שוין אויסוואַקסן! איך וויל שוין זיין אַ גרויסער! — זאָגט איצבאָקל.

לאַכט די מאַמע און זאָגט:

—אַז דו וועסט זיין אַ גוטער, אַ שיינער, וועסטו גיך אויסוואַקסן און ווערן גרויס ביזן סופים.

זעצט זיך איצבאָקל אַוועק אויף אַ בענקעלע און טראַכט זיך, אַז ער וועט זיין אַ גרויסער, וועט זיין גוט: ער וועט קענען אויפזיין באַנאַכט לאַנג, לאַנג.

—מאַמע! זאָגט ער, עס דאַרף נאָך געדויערן אַ סך איך זאָל זיין אַ גרויסער?

—אז דו וועסט עסן אלין, וואס די מאמע גיט דיר, וועט נישט דויערן לאנג.

—וויפל מאל דארף איך נאך אפשלאפן, אז איך זאל ווערן א גרויסער?

—די נאכט און נאך א נאכט און נאך א נאכט.

—אזוי פיל נעכט! איך וויל נישט — זאגט איצבאקל — איך וויל ש ו י ן זיין א גרויסער! אלע קינדערלעך זיינען גרויסע, נאר איך נישט. איך בין נאך ק יי נ מ א ל נישט געווען א גרויסער!..

איינמאל, באנאכט, איצבאקל שלאפט, חלומט זיך אים, אז ער איז געווארן אזוי גרויס, אז ער טאפט אן מיט די הענט דעם סופיט. דערפרייט ער זיך און לויפט ארויס אפן גאס. שריט:

—קינדערלעך! זעט נאר, ווי גרויס איך בין!..

לויפן זיך אלע קינדערלעך צונויף. קוקן אים אן און כידעשן זיך.

—א, ווי גרויס!...

—ווי הויך ער איז!..

—גרעסער, ווי מיין פאפא!..

—רייס מיר אפ א צווייגל פון בוים! — בעט זיך איין אינגעלע בא אים.

— נעם מיר אראפ די „פעלאטע" פון דאך! — בעט זיך א צווייטער.

—אז דו ביזט אזוי גרויס, ריר נאר אן דעם הימל!

איצבאקל לאכט, איצבאקל איז צופרידן, ער שטרעקט

אויס די האנט און ברעכט אָפּ א צווייגל פון העכסטן בוים אין נאַס, נעמט אַראָפּ איין אינגעלע די פּעלאַטע פון דאַך, א צווייט אינגעלע דעם פּאַפּירענעם שלאַנג פון די טעלעגראַף-דראָטן און דערנאָך, טוט ער א צי אויס די האַנט גלייך אין הימל אריין און נעמט אראָפּ די זון אף דער ערד, שפּילט זיך מיט איר.

באַנאַכט, איצבאַקל גייט אַריין אין שטוב, טוט זיך אויס, וויל זיך לייגן אין בעטעלע אריין, עס איז קליין דאָס בעטעלע. ער קען נישט אויסציען די פיס. הויבט ער אָן שרייען:

—מאַמע! טאַטע! קומט נאָר אַהער. איך האָב נישט וואו צו שלאָפן, עס איז קליין דאָס בעטעלע... — — — — — — — —

אז די מאַמע מיטן טאַטן האָבן איצבאַקלען אויפגעוועקט, האָבן זיי געזען, אז ער איז געשלאָפן. דאָס בעטעלע איז טאַקע קליין און ער האָט נישט וואו אויסצוציען די פיס. אָבער נישט דערפאַר, ווייל ער איז געוואָרן אזוי גרויס, נאָר ווייל ער איז געלעגן אין דער ברייט פון בעטל.

גייט אַ קאַץ אין שול אַריין

מירעלע האָט אין שטוב אַ קעצעלע, שפּילט זי זיך מיט דעם, ווען זי האָט צייט; זי מאַכט דאָס קעצעלע פאַר אַ קינד, וויגט עס, שלעפט עס איין, גיט עס עסן און זאָגט עס אָן, אַז ווען זי וועט גיין אין שולע אַריין זאָל זיך עס אויפפירן גוט און פיין.

איז דאָך עס אָבער אַ קעצל־נאַר, קריכט עס אַרויף אויפן טיש און וואַרפט אַראָפּ אַ גלאָז, אָדער ברודיקט איין דעם ליי־לעך אויפן בעט, צי גלאָט זי נאַשט עפּעס אויף אין קיך.

— וויל עס מירעלעס מאַמע אַרויסוואַרפן און זאָגט, אַז זי דאַרף נישט קיין קעצלעך אין שטוב. האָט דאָך מירעלע מוירע, נעמט זי דאָס קעצעלע מיט אין שולע אַריין און באַהאַלט דאָס אונטערן באַנק.

אַן אַנדער קעצל וואָלט געלעגן שאַ שטיל, איז דאָך עס אָבער קעצל נאַר, איז אינמיטן די לעקציעס: מיאַו! מיאַו!

—ווער מאַכט עס אַזוי? — פרעגט די לערערקע.

די קינדערלעך זיינען גוטע, שווייגן זיי און זאָגן נישט.

—ווער האָט אַזוי געמאַכט, האַ? — פרעגט נאָכאַמאָל די

לערערקע און זי קוקט אף סאַרעלען, וואָס זיצט נעבן מירעלען.

—איך נים.

—אויב אַזוי, איז דו עסטערל.

—איך נישט, לערערקע.

—ניין, עס איז דו. פאַרוואָס זאָגסטו א ליגן?

און די לערערקע באַשטראָפט עסטערלען, אַז זי זאָל נישט אַרויסגיין שפּילן זיך אין הויף בעיים דער פּויזע.

ווײַל נישט מירעלע, אַז עסטערל זאָל אומזיסט באַשטראָפט ווערן, שטעלט זי זיך אויף און זאָגט:

—נים זי, לערערקע, איך האָב אַזוי געמאַכט.

אַזוי ווי זי זאָגט עס, טוט קעצל נאָך ווייטער א געשריי:

—מיאו!...

—אַזוי, זאָגט די לערערקע, דו האָסט געבראַכט אַ קאַץ אין שולע אַרײַן?

מירעלע לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ און זאָגט:

—יאָ, מאַמע וויל זי אַרויסוואַרפן... זי איז א נאַשערקע און טוט אַן שאָדנס... און איך האָב דאָס קעצל ליב...

מירעלע גייט אַלע טאָג אין שולע אַרײַן און טראָגט אונ-טער איין אָרעם די ביכלעך און די העפטן און אונטערן צווייטן אָרעם — דאָס קעצל. אָבער זי האַלט עס שוין נישט מער אין שולע אונטערן באַנק, נאָר לאָזט עס הינטער דער טיר, אין הויף, און בעיים דער פּויזע, שפּילט זי זיך מיטן קעצל, און פרעגט עס:

—נו, קעצל נאָר, קענסט שוין עפּעס לייענען און שרײַבן?

דאָס אינגעלע, וואָס האָט פאַרלוירן דאָס צײנגעלע

איז געווען א אינגעלע, האָט ער געהאט א שיין, רויט צײנגעלע. זיינען אינגעלע און ציינגעלע טאָמיד געווען צוזאמען און זיך שטארק ליב געהאט: דאָס אינגעלע האָט דעם ציינגעלע געזונגען לידעלעך, דאָס ציינגעלע האָט דעם אינגעלע דערציילט מייסעלעך און אזוי האָבן אינגעלע און ציינגעלע פאַרבראכט: געזונגען, געשמועסט, גערעדט און קיינמאָל זיך נישט צעשיידט.

איינמאָל, איז אינגעלע געפאָרן מיט זיין טאַטן צו א פעטער, ווען ער האָט קיינמאָל נישט געזען, האָט אים דער פעטער גענומען אָפן שויס, געגלעט און געפרעגט:

—ווי הייסטו, אינגעלע?

דאָס אינגעלע קוועטשט צו די ליפּעלעך, לאָזט אראָפּ דאָס קעפּעלע און שווייגט.

—ווי רופט מען דיך?

דאָס אינגעלע ענטפערט נישט.

—ער שעמט זיך — זאָגט דער טאַטע.

— ניין — זאָגט דער פעטער — ער קען נישט ריידן.

— קענסט נישט ריידן, אינגעלע?

— אוואדע נישט — זאָגט דער פעטער — ער האָט פאַר-לוירן דאָס צינגעלע.

און דער פעטער בויגט זיך איין, זוכט דאָס צינגעלע אונ-טערן טיש, אין די ווינקעלעך, אין הויף — נישטאָ.

—איך ווייס נישט וואָס — זאָגט דער טאַטע, — ווען איך גיי מיט אים ערגעץ צוגאַסט, פאַרלירט ער דאָס צינגעלע.

—אַזוי! — מאַכט דער פעטער — די זאַך איז נישט גלאַטיק.

—איך בין געווען מיט אים בא דער מומע סימע, האָט ער דאַרט נישט געקענט ריידן, בין איך געגאַנגען מיט אים צום פלימעניק העניק, האָט ער אויך דאָרטן געשוויגן.

—מען וואָלט באַדאַרפט א פרעג טון א דאָקטער.

דערהערט דאָס אינגעלע, אַז מען רעדט פון גיין צו א דאָק-טער, דערשרעקט ער זיך און שרייט אויס:

—צו א דאָקטער ניט!..

— האָסט דאָך נישט דאָס צינגעלע, — זאָגט דער טאַטע.

—איך האָב עס.

און דאָס אינגעלע שטעקט ארויס דאָס צינגעלע און ווייזט. מיט דער פעטער אָן די ברילן, באַקוקט דאָס צינגעלע און זאָגט:

—יאָ. אָבער וואָס קומט ארויס, אַז ריידן קען עס נישט.

—עס קען — זאָגט דאָס אינגעלע.

--אויב אזוי — זאָגט דער טאַטע — זאָג זשע ווי דו הייסט.

דאָס אינגעלע שווייגט.

—וואַרט, — זאָגט דער פעטער — איך האָב אזא פיל, וואָס מאַכט ריידעוודיק אלע שטומע צינגעלעך.

און דער פעטער נעמט ארויס א קאַראַמעלע און לייגט זי אריין דעם אינגעלע אין מויל.

—נו, קענסט שוין ריידן, אינגעלע?

דאָס אינגעלע הויבט אָן לעקן מיטן צינגעלע די קאַראַמעלע און זאָגט:

—יאָ.

—ווי זשע הייסטו?

—אַוורעמעלע.

—אַהאָ! איר זעט שוין — זאָגט דער פעטער — אז מיינע פילן האָבן געהאָלפן...

און דאָס אינגעלע האָט טאַקע באַלד אָנגעהויבן ריידן און שמועסן מיטן פעטער און אים דערציילן פון א סאַך זאַכן.

דער גילדענער פויגל

אמאָל איז געווען אַ מײלעך. האָט דער מײלעך געהאַט אַ מאַלקע. האָט די מאַלקע געהאַט אַ ווײַנגאָרטן, איז אין ווײַנ-גאָרטן געווען אַ גילדענער פויגל. ווײַנעק אײנמאָל אַרײַן גאַנאַ-ווים אין ווײַנגאָרטן, צוגענומען דעם גילדענעם פויגל און אַנטלאָפן.

אַ מאָרגן אינדערפרי, אַז די מאַלקע איז געקומען שפּאַ-צירן אין ווײַנגאָרטן און געזען, אַז דער גילדענער פויגל איז נישטאָ, איז זי גלײַך אַוועק צום מײלעך און געמאַכט אַ גרויס געוואַלד:

—אַזוי היט מען דאָס אונדז! מען האָט דאָך צוגענאַנוועט דעם גילדענעם פויגל!...

—וואָס איך הער! — האָט דער קייסער געזאָגט און גע-וואָרן בלאַס ווי קאַלך.

—מען טאָר נישט שווײַגן! — האָט די מאַלקע געשריגן. — אויב מען קען צוגאַנווענען דעם גילדענעם פויגל, קען מען דאָך מאָרגן - איבערמאָרגן צוגאַנווענען אויך דעם ווײַנגאָר-טן און דערנאָך דעם פּאַלאַץ, די קרוין און אַפילו דעם מײלעך אַלײן אויך!..

דערהערט אַזעלכע ווערטער, האָט דער מײלעך זיך אַזש אַ צאַפּל געטאָן פון שרעק:

—טאַקע אַזוי! — האָט ער געזאָגט — מאָרגן-איבער-מאָרגן קען מען נאָך אַוועקגאַנווענען דעם ווײַנגאָרטן, דעם פּאַלאַץ, די קרוין און אַפילו דעם מײלעך אַלײן אויך...

אין זעלבן טאָג, האָט דער מײלעך גערופן צו זיך דעם ער-שטן מיניסטער און אים מיט פיל קאַעס אַ פרעג געטאָן צי ער

וויסט, אַז מען האָט פֿון זיין וויינגאָרטן אַרויסגעגאַנוועט דעם גילדענעם פֿויגל.

—פֿונוואַנען זאָל איך וויסן! — האָט דער מיניסטער גע-זאָגט א דערשראָקענער.

—אָף דעם ביזטו דאָך א מיניסטער מיט א מיניסטערישן קאָפּ! — האָט דער קייסער געשריגן.—שוין זאָלסטו מיר ברענ-גען דעם גאַנעוו מיטן גילדענעם פֿויגל!..

דעם מיניסטער איז פֿינסטער געוואָרן פֿאַר די אויגן און ער איז גלייך אַוועק צום פּאָליצמייסטער מיט א העלישער רעציכע.

—אַזוי הימן עס דיינע פּאָליציאַנטן דעם מיילעך!..

—גילדענער זון פֿון לאַנד! — האָט דער פּאָליצמייסטער א דערשראָקענער געפֿרעגט, — וואָס איז געשען?

—דו פֿרעגסט נאָך! א שיינער פּאָליצמייסטער ביזטו. מען האָט דאָך פֿון מיילעכס וויינגאָרטן אַרויסגעגאַנוועט דעם גילדענעם פֿויגל!...

ווען דער מיניסטער איז אַוועק, האָט דער פּאָליצמייס-טער געלאָזט צוזאַמענרופֿן אַלע זיינע העכערע באַאַמטע.

—איר אַזעלכע און אַזעלכע! — האָט ער געשריגן און געטופּעט מיטן פֿוס — אַזוי דינט איר דעם מיילעך! צי ווייסט איר, אַז מען האָט פֿון מיילעכס וויינגאָרטן אַרויסגעגאַנוועט דעם גילדענעם פֿויגל?

—פֿונוואַנען זאָלן מיר וויסן, מעכטיקער סראַרע?

—איך וועל אייערע לייבער דרעשן אויב איר וועט מיר

היינט, נאך פאר זונען-אונטערגאנג, נישט ברענגען דעם גאנעוו מיטן גילדענעם פויגל!..

אין א פאר מינוט ארום זיינען אלע פאליציי-צירקלען געווען פול מיט שרעקלעכע קוילעס און געוואלטן.

—אזעלכע טויגענישטן! נים צו וויסן אפילו, אז מען האט באם מיילעך צוגעגאנוועט דעם גילדענעם פייגל פון וויינגארטן!.. אויסהענגען וועלן מיר אייך איינס בא איינס!.. שוין זאלט איר ברענגען דעם גאנעוו מיטן גילדענעם פייגל!..

זעכציק טויזנט רייטערס האבן זיך צעלאזט איבער די גאסן און געסלעך פון שטאט, אויסגעזוכט אלע הייזער, אלע ווינקעלעך, און אין ערגעץ דעם גאנעוו מיטן גילדענעם פייגל נישט געפונען. און ווען די זון איז פארגאנגען, האבן זיי זיך אלע אומגעקערט אהיים, ווארטנדיק אף זייער שטראף.

קיינער ווייסט נישט וויפל אפגעשניטענע קעפ די ערד האט יענע נאכט באקומען, אבער איין זאך איז פארשריבן אין די געהיימע ביכער פון דער געשיכטע, אז פון דעמאלט אן, זיינען די קייסארים אומרויק און קענען נישט שלאפן גאנצע נעכט, און זיי האלטן אין איין שעפטשען:

—אז מען האט צוגעגאנוועט א גילדענעם פייגל פון מיילעכס וויינגארטן, קען מען דאך מארגן-איבערמארגן צוגאנווענען אויך דעם גאנצן וויינגארטן, דעם פאלאץ, די קרוין און דעם מיילעך אליין אויך!...

זימעלע און שימעלע

אמאל זיינען געווען צוויי ברידערלעך: איינער א שיינער און דער צווייטער א מיעסער; איינער א גוטער און דער צווייטער א שלעכטער; איינער א קלוגער און דער צווייטער א נאר.

ווער פון זיי עס איז געווען דער שיינער, דער גוטער און דער קלוגער, האט מען נים געוואוסט; שימעלע האט געזאגט, אז ער איז דער גוטער און זיין ברודערל דער שלעכטער, און זימעלע האט געזאגט פארקערט: דער גוטער איז ער. האבן זיי זיך אזוי ארומגעקריגט אלע טאג, ביז זיי האבן באשלאסן פרעגן דעם טאטן, דער מאמען און דאס פייגעלע, וואס זינגט אפן בוים בא דער שטוב.

גייען זיי צו צום טאטן:

—טאטע! ווער איז דער שיינער און ווער דער מיעסער, ווער דער גוטער און ווער דער שלעכטער, ווער דער קלוגער און ווער דער נאר?

לאכט דער טאטע און זאגט:

—איר זיינט בײדע שיין און בײדע גוט און בײדע קלוג. געפעלט זיי נים דער ענטפער און זיי פרעגן דער מאמען:

—מאמע! ווער פון אונדז ביידע איז דער שיינער, דער גוטער, דער קלוגער?

ענטפערט די מאמע:

—אמאָל זימעלע און אמאָל שימעלע.

ברוגעזן זיך די ברידערלעך:

—ניין, מאמע, דו ווילסט אונדז נישט זאָגן.

בלייבט נאָך צו פרעגן דאָס פייגעלע, וואָס זינגט אויפן בוים פארן שטוב.

—פייגעלע, פייגעלע! מיר ווילן דיך עפּעס פרעגן.

—ציף צוויף! — ענטפערט דאָס פייגעלע.

—ווער איז שענער: שימעלע צי זימעלע?

— צוויף ציף.

—ווער איז בעסער: שימעלע צי זימעלע?

—ציף צוויף.

—ווער איז קליגער: שימעלע צי זימעלע?

—צוויף ציף.

— זעסט שוין! איך, זאָגט דאָס פייגעלע.

—איך, זאָגט עס.

—ציף צוויף, איז שימעלע.

—ציף צוויף, איז זימעלע.

אט אזוי האָבן די ביידע ברידערלעך געפרעגט און געפרעגט און ביז היינט ווייסן זיי נאָך אלץ נים, ווער פון זיי עס איז דער גוטער און ווער דער שלעכטער, ווער דער שיינער און ווער דער מיעסער, ווער דער קלוגער און ווער דער נאר.

דאָס מיידעלע און שטיינעלע

ריווקעלע איז אין פּאַרק. ווען זי דערזעט אַרומשפּרינגען אַסאַך פֿייגעלעך אויפֿן גראָז, לויפֿט זי צו און וויל אַ כאַפּ טאָן איינס. שפּרינגט עס אַוועק. יאָגט זי עס נאָך, הייבט זיך עס אויף און פֿליט אַרויף אויף אַ בוים, שטעלט זיך אויף אַ נידעריק צווייגל און זינגט אַזוי שיין, אַזוי גוט.

נעמט ריווקעלע קלעטערן אויפֿן בוים און וויל זיך אַרויפֿדראַפּען אויפֿן צווייגל, איז אָבער דאָס פֿייגעלע אויך ניט קיין נאַר, און שפּרינגט אַרויף אויף אַ העכער צווייגעלע. וויל ריווקעלע אויך קריכן העכער, פֿאַלט זי אַראָפּ און צעקלאַפּט זיך אַ פֿוס.

וויינט זי בייז און לויפֿט אַהיים צום טאַטן און שרייט, אַז זי וויל האָבן אַ פֿייגעלע.

איז דער טאַטע אַ גוטער, גייט ער אַוועק אין גאַס און קומט צוריק מיט אַ שטיינעלע, וואָס אינעווייניק זיצט אַ שיין, קליין פֿייגעלע.

—וואו האָסטו עס גענומען? — פֿרעגט זי מיט אַ שמייכל.

—איך האָב עס געכאַפּט.

—און וועלכן פּאַרק זיינען דאָ פֿייגעלעך מיט שטיינעלעך ?

—ווייט, ווייט.

פרעגט שוין רייזקעלע נישט מער. נעמט דאָס שטיינעלע, שיט אָן אינעווייניק קרישקעלעך ברויט, שטעלט אוועק הינ-טער אַן זאָגט:

—עס, פייגעלע, עס און טרינק.

דאָס פייגעלע עסט נישט, דאָס פייגעלע טרינקט נישט און דאָס פייגעלע זינגט נישט.

—פּאַפּאַ! — זאָגט רייזקעלע — עס איז אַ פייגעלע, וואָס קען נישט זינגען.

— אין אַ שטייגל קאָן קיין שום פייגעלע נישט זינגען.

אָבער אַרויסלאָזן עס וויל נישט רייזקעלע. עס קען נאָך אַנטלויפן. שטייט זי און בעט זיך:

—זיי אַ גוט פייגעלע, זינג: פּי, פּי, פּי, טשווי, טשווי, טשווי, טשווי.

אָבער דאָס פייגעלע וויל נישט זיין גוט און לויפט אום אין שטייגעלע הין און צוריק; פּרובירט אַ פלי טאָן און פאַלט באַלד אַראָפּ.

גייען אַוועק אַזוי טעג און נעכט. דאָס פייגעלע עסט נישט און זינגט נישט. שפּרינגט נישט און טרינקט נישט. אָבער אַרויסלאָזן וויל עס רייזקעלע אַלין נישט.

איינמאָל באַנאַכט, רייזקעלע שלאָפט, דאַכט זיך איר, ווי דאָס פייגעלע בעט זיך:

—לאָז מיך אַרויס, מיידעלע, איך וויל גיין צו מיין מאַמען!

—וויל איך נישט — זאָגט זי.

—לאָז מיך זען מיינע ברידערלעך און שוועסטערלעך!

—ניין!

—לאז מיך כאטש אזוי אביסל איבערשפאצירן זיך אף דער „פלאסע".

—וועסט נאך אנטלויפן!

אזוי ווי זי זאגט עס, קומט צו א גרויסער פויגל און טוט זי א נעם אף די פליגל, א הייב אויף אין דער הויך און א ווארף אריין אין א קליין שטייגל. ריווקעלע שרייט, קוויטשעט, אבער דער פויגל פארמאכט די שטייג, ווארפט איר אריין אביסל קערנדלעך, שטעלט אריין אביסל וואסער און זאגט:

—אט האסטו עסן, אט האסטו טרינקען.

ריווקעלע קוקט זיך נישט אום אפן עסן, זי שרייט, זי ליארעמט:

—לאז מיך ארויס!

—וויל איך נישט! — זאגט דער פויגל.

זיצט ריווקעלע טעג, זיצט זי נעכט און וויינט. גייט פארביי דער פויגל און זאגט:

—זיי א גוט מיידעלע, זינג א ביסעלע, זינג, דו קענסט דאך א סאך שיינע לידעלעך.

—לאז מיך ארויס — זאגט זי — וועל איך זינגען.

—וועסט אנטלויפן!

—לאז מיך צו מיין מאמען!

—ניין!

—לאז מיך צו מיין ברודערל!

—ניין! לאז דו ארויס דאס פייגעלע, וועל איך דיך ארויס-לאזן.

—איך קאן דאך נישט!

—זאג דיין טאטן, דיין מאמען.

ריווקעלע הויבט אן שרייען:

—מאמע! לאז ארויס דאס פייגעלע פון שטייגעלע גי-כער!.. גיכער!..

ווען זי האט זיך אויפגעכאפט פון שלאף איז זי געווען נאס פון שווייס. זי איז גלייך אראפגעלאפן פון בעט, א קוק טאן צום שטייגל, אבער עס איז שוין געווען ליידיק.

די שיף, וואָס גייט נישט אָפּ

אין פּאָרט שטייט אַ שיף, וויגט זי זיך אַהער און וויגט זיך אַהין; פּייפט און טרובעט און רירט זיך אַלץ נישט אין וועג אַריין.

קומען מענטשן מיט געפּעק, הערן זיי אַ שיף פּייפט, מיינען זיי, אַז אָט־אָט פּאָרט זי אָפּ אין וויטן לאַנד אַריין. גייען זיי אַרויף, נעמען אַראָפּ דאָס געפּעק פון די אַקסלען, לייגן עס אַוועק אין אַ ווינקל און זעצן זיך אַוועק אויפן פּאַל און וואַרטן, וואַרטן, אַז די שיף זאָל אָפּפאָרן פון ברעג און זיי ברענגען אין וויטן, שיינעם לאַנד אַריין.

וואַרטן זיי, די מענטשן, אַ שאָ, וואַרטן צוויי און דריי — אָבער די שיף רירט זיך אַלץ נישט פון אָרט. ווערן זיי אומגעדולדיק און פרעגן:

—ווען, ווען וועט די שיף שוין אָפּפאָרן?

טוט דער קוימען אַ לאַנגן פּייף און טרובע — באַ־אַ־אַ־אַ־ל־ד!...

אָבער עס גייט ווידער אַוועק אַ שאָ און צוויי און דריי, און די שיף רירט זיך נישט אין וועג אַריין, זי פּייפט און זי טרובעט און שטייט אַלץ אויף אַן אָרט, באַוועגנדיק זיך בלויז לייכט פון די כוואַליעס.

א סאך פאסאזשירן ווערן אומגעדולדיק און גייען אראפ זיבן אן אנדער שיף, אבער אנדערע פילן זיך, זיצן זיי נעבן זייערע פעקלעך און ווארטן, ווארטן און גענעצן, גענעצן און דרימלען.

אין דרויסן איז דאס וועטער שטורמיש. פון אלע פיר זייטן יאגט א ווינט, וואס רייסט די אלטע אפגעריבענע פאן פון מאסטבוים. וועלכע ווארפט זיך אף אלע זייטן, ווי זי זאל זוכן הילף אף רעכטס און לינקס.

די מענטשן, וואס זיצן נעבן זייערע פעקלעך אפן שיף. דרימלען זיס איין און זעען דאס ווייטע געגארטע לאנד, וואו עס זיינען שוין איידער דא די פאסאזשירן, וועלכע האבן קיין געדולד נישט געהאט צו ווארטן און זיינען אפגעשטיגן זיבן אנדערע שיפן.

יארן און יארן זיינען שוין אוועק, און די שיף, וואס פארט נישט אפ, שטייט נאך אלץ אין פארט און פייפט און טרויבעט- און אלע מאל קומען ארויף נייע מענטשן, וועלכע ווילן אריבער אף יענער זייט ברעג, אין איינן לאנד, און יעדעס מאל, ווען די מענטשן ווערן אומגעדולדיק און פרעגן: פארוואס גייט זי נישט אפ, די שיף? פארוואס רירט זי זיך נישט אין וועג אריין? ענטפערט דער קוימען:

—בא-א-א-ל-ד!.. בא-א-א-א-ל-ד!..

אבער נאך א סאך שאען און טעג פארגייען און די שיף שטייט אלץ אף אן ארט; איר נידעריקער, ברייטער קוימען, וואס האט שוין יארן און יארן נישט געבלאזן קיין רויך אין די הימלען, שטייט א מארעשכווירעדיקער און קוקט מיט

קינע אַף די איבעריקע שיפֿן אין יאַם. פֿון וועטענס קיטענס עס זעצן געדיכטע קנוילן רויך און דאַך. ווען ער זעט קומען צום ברעג נייע מענטשן מיט געפּעק, טוט ער אַ פֿרוטשע אַרויס:

—באַ-אַ-אַ-אַ-ל-ד!.. באַ-אַ-אַ-אַ-ל-ד!..

און דער ווינט קלעטערט אַפֿן מאַסטבוים, וואָרפֿט און טרייסלט די אַלטע אָפּגעקראַבעגע פֿאָן, וואָס ניגט זיך און גריסט זיך אַף אַלע זייטן, און ער שפּעט נאָך.

—באַ-אַ-אַ--ל-ד!.. וו-אַ-אַ-אַ-ל-ד!.. קאַ-אַ-אַלט!..

דאַס אינגעלע, וואָס איז געפֿאָרן רייטנדיק אַף דער לעוואָנע

אַ אינגעלע מאַטעלע איז פֿאַראַן אין בועגאָס איירעס, וויל ער האָבן אַ גרויסן עראָפּלאַן און זיך אױפֿהױבן מיט אים הויך, הויך און פֿליען איבער דעכער, איבער טורעמס, איבער בערג און איבער טײַכן, ביז ער וועט צוקומען צו דער זון, צו דער לעוואָנע און צו די שטערן.

בעט ער זיך, מאַטעלע, אַלע מאָל בײַ זײַן טאַטן, בײַ זײַן מאַמען, בײַ זײַן פֿעטער און בײַ זײַן מומען, אַז זיי זאָלן אים קויפֿן אַן עראָפּלאַן, אַן עמעסן עראָפּלאַן. לאַכן זיי פֿון אים און זאָגן:

—וואָס טויג דיר אַן עראָפּלאַן?

—איך וועל מיט אים פֿליען.

—דו קענסט דען?

—אַוודע.

אָבער דער טאַטע גלויבט אים נישט. און ער קויפֿט אים אַ קליין בלעכן עראָפּלאַנדל, וואָס קען אַפֿילו נישט פֿליען.

ווערט מאַטעלע בייז און גאַנוועט זיך אַרויס פֿון שטוב,

גייט אוועק אף דער סטאנציע פון די עראפלאנען און כאפט זיך דארטן אריין אין איינעם און מיט איין דריי דאס רעדל. איז ער שוין אין דער הויך, איבער הייזער, איבער דעכער, איבער טורעמס און איבער בערג.

דער עראפלאן פליט און פליט און מאטעלע קוועלט, שרייט:

—העכער! העכער!

דער עראפלאן איז ניט קיין שלעכטער און פאלגט: פליט העכער און העכער און נאך העכער. ביז עס ווערט נאכט. עס ווערט טונקל און נאך טונקעלער און מאטעלע דערשרעקט זיך און וויל שוין צוריק אראפפליען אף דער ערד. אבער ער ווייסט נישט ווי אזוי. שרייט ער:

—שוין! פלי שוין אראפ!

אבער דער עראפלאן הערט אים נישט; ער פליט הויך אין העכער, גלייך צו דער לעוואנע און צו די שטערן.

מאטעלע הייבט אן וויינען און שרייען, אבער דער עראפלאן איז נישט קיין טאטע און נישט קיין מאמע און אים ארט נישט, וואס מאטעלע וויינט.

דער עראפלאן פליט און פליט, ביז ער קומט צו דער סאמע לעוואנע און מאטעלע טוט איר א כאפ אן פאר דער נאז, טאנצט ארויס פון עראפלאן און דראפעט זיך ארויף דער לעוואנע אפן קארק.

דער עראפלאן פליט ווייטער אליין און מאטעלע זעצט זיך אוועק בא דער לעוואנע אפן קארק רייטנדיק און פארגעסט בּיסלעכווייז אין דער היים. אין טאטן און אין דער מא-

מען; אים הויבט זיך, אַז די לעוואָנע איז אַ ווייס פערדל און ער שרייט:

—וויאָ! וויאָ! פערדעלע...

גייען מענטשן באַנאַכט אין גאַס שפּאַצירן. זעען זיי, ווי עס איז טונקל. הייבן זיי אויף די אויגן, טוען אַ קוק — אַ אינגעלע זיצט רייטנדיק אויף דער לעוואָנע!... ווערט אַ געשריי, אַ געוואַלד:

—ער וועט נאָך אַראָפּפאַלן!

—ער וועט זיך דערהאַרגענען!

—ווי אַזוי קומט אַזאַ קליינס אויף דער לעוואָנע?!

שריים מען אַרויף:

—אינגעלע! אינגעלע!

דאָס אינגעלע הערט נישט.

קלערט מען און מען קלערט: ווי אַזוי נעמט מען דאָס אינגעלע אַראָפּ? זאָגט איינער, אַ נאַר:

—מען דאַרף אויסזוכן אַ גרויסן לייטער.

און אַ צווייטער, אויך מיסטאָמע נישט קיין גרויסער קלוגער, זאָגט:

— אַ שטריק! מען דאַרף אים אַרויפוואַרפן אַ שטריק...

און אַ דריטער, ווידער, קראַצט זיך אין קאָפּ און אייצעט, אַז מען זאָל מיט אַ האַטשעק פאַרטשעפּען די לעוואָנע און זי אַראָפּשלעפּן אויף דער ערד. אָבער ווי אַזוי מען קומט צו מיט דעם האַטשעק צו דער לעוואָנע, זאָגט ער נישט, דער מענטש.

האַקלאַל, פון אַלע אייצעס איז גאָרנישט געוואָרן. דאָס אינגעלע איז זיך אַליין געזעסן אויף דער לעוואָנע און געשריגן:

—וויא! פערדעלע... וויא!...

האט מען געבעטן א פייגעלע, עס זאל פליען אראפנעמען דאס אינגעלע, האט עס געזאגט, אז עס האט נישט קיין קויעך אזוי הויך צו פליען; האט מען גערעדט מיטן אדלער, האט ער געזאגט, אז ער איז נאך קיינמאל נישט געפלויגן צו דער לעוואנע און האט מוירע צו פליען צו איר; האט מען ווידער געפרעגט אן אוויאטאר, האט ער דערקלערט, אז אומעטום פליט ער, נאר צו דער לעוואנע, ניט.

וואס איז געווען דער סאף? גארנישט. מאטעלע איז אזוי לאנג געזעסן אף דער לעוואנע רייטנדיק, ביז ער איז אנטשלאפן געווארן, און דערווייל האט זיך די לעוואנע אראפגעלאזט נידעריקער און נידעריקער אפן הימל, ביז זי האט דערגרייכט די ערד, און דאן איז מאטעלע אראפגעשפרונגען און אהיימגעלאפן.

מוישעלע זוכט זיין לופטבאלאן

מוישעלען האט מען געקויפט א רויטן לופטבאלאן, האט ער צוגעבונדן צו אים א לאנגן פאדעם און ארומגעלאפן מיט אים א גאנצן טאג אין גאס.

זיינען אים קינדערלעך נאכגעלאפן און געשריגן:

—לאז אים אפ, מוישעלע.

—ניין — האט ער געענטפערט — ער וועט אוועקפליען.

—וואס ארט דיך, מיר ווילן זען.

מוישעלע האט נים געוואלט.

גיים צו איין אינגעלע, טוט א רייס איבער דעם פאדעם און דער לופטבאלאן האט זיך געגעבן א הייב אויף און אנגעהויבן פליען אלץ העכער און העכער צום הימל.

מוישעלע האט אנגעהויבן שרייען און וויינען:

—מיין לופטבאלאן! מיין לופטבאלאן!

אבער דער לופטבאלאן איז געפלויגן אלץ העכער און העכער, ביז ער איז פארשוואונדן געווארן ערגעץ אין די וואלקנס און מען האט אים מער נישט ארויסגעזען.

באנאכט, באלעמט זיך מוישעלען, אז ער שטעלט צו א לייטער צום הימל, קריכט ארויף און גייט ארום אומעטום זוכן זיין לופטבאלאן.

ל י ט מ א ז

גייט ער אזוי און גייט, זעט ער א גרויסן פֿאלאַץ מיט א ברייטן טויער. און וועלכן עס שטעקט א שליסל. פרעגט ער:

—ווער וואוינט דאָ?

—דער ווינטער — זאָגט מען אים.

לויפט מוישעלע צו און טוט א שליס צו דעם טויער.

—זאל ער זיצן אין שטוב, מען דאַרף אים נישט.

גייט ער ווייטער, זעט ער נאָך א פאַלאַץ. פרעגט ער:

—און דאָ ווער וואוינט?

—דער ווינט.

לויפט ער ווידער צו און פאַרשליסט דעם טויער.

—מ׳עט זיך שוין אן אים אויך באַגיין.

אַ ביסל ווייטער זעט ער נאָך א פאַלאַץ.

—דאָ ווער וואוינט?

—דער רעגן.

מוישעלע וויל צושליסן דעם טויער. הייבט דער רעגן אן צו וויינען און גיסן מיט טרערן:

—לאָז מיך אַרויס! איך וועל דיר געבן אן אנדער לופט-באַלאָן.

האָט מוישעלע אים געפאָלגט און נישט צוגעמאַכט דעם טויער און אז ער איז אויפגעשטאַנען אינדערפֿרי האָט געגאַסן א רעגן.

דאָס אינגעלע, וואָס האָט געוואָלט זען דעם וואַלד

הערט אַ אינגעלע דערציילן אַזוי פיל שיינע מייסעלעך פון וואַלד, וועט ער נייגעריק באַלד אָן פרעגט:

—וואו וואוינט דער וואַלד?

זאָגט מען אים:

—ווייט, הינטער דער שטאָט.

—די גאַס? דער ניטער?

לאַכט מען.

—אַף דער גאַס שפּעטער, ניטער דריטן מיט אַ האַלבן.

דערציילט נישט דאָס אינגעלע קיינעם און לאָזט זיך באַלד אינדערפרי אין וועג אַריין.

גייט ער גאַס אויס און גאַס איין, ביז ער קומט הינטערן שטאָט און בלייבט שטיין, ווייסט נישט וואו צו גיין.

קומט אָן אַן אַלטע פרוי, טויב אַף ביידע אויערן, פרעגט איר דאָס אינגעלע:

—באָבעשי, באָבעשי, וואו וואוינט דער וואַלד?

הערט זי דאָך נישט די פרוי, וואָס מען רעדט צו איר, ענטפערט זי:

—אַ פלעקל אַרויס,
אַ פלעקל אַריין,
ווען די זון וועט פאַרגיין,
וועט זיין דרייפערטל ניין. —

גייט דאָס אינגעלע ווייטער. קומט אָן אַ בלינדער מיט אַ שטע־קן. פרעגט ער אים:

—ווידעשי, ווידעשי,
וואו וואוינט דער וואלד?

ענטפערט דער בלינדער:

—גיי גלייך מיט דער נאָז,
ביז די פיס וועלן טראָגן,
וועסטו טרעפן אַ שטומען,
וועט ער דיר שוין זאָגן.

גייט דאָס אינגעלע ווייטער און ווייטער. זעט ער אַ גרוי־סן בוים, אָן איינגעבויגענעם. פרעגט ער:

—בוים, בוים, ליבער בוים!
וואו וואוינט דאָ דער וואלד?

זאָגט דער בוים:

—אויב דו וועסט מיך מיטנעמען אהין אַף די פלייצעס, וועל איך דיר ווייזן דעם וועג.

גייט דאָס אינגעלע ווייטער. באַגעגנט ער אַ פייגעלע און בעט, עס זאָל אים ווייזן דעם וועג. זאָגט דאָס פייגעלע:

—מיט פאַרגעניגן! קום, פלי מיט מיר מיט.

דאָס פייגעלע האָט זיך אויפגעהויבן און אַוועקגעפלויגן גיך און דאָס אינגעלע איז געבליבן אליין.

קומט אן א רייטער מיט א ווייסן פערד. זאגט איר דאס אינגעלע:

—רייטער, רייטער!
איך וויל זען דעם וואלד.
ווערט דער רייטער בייז:

—דו אזעלכער און אזעלכער! דעם וואלד ווילסטו גאר זען, דו גיי זע בעסער דיין מאמען, דיין טאטן, וואס וויינען און זוכן דיך ארום.

אז דאס אינגעלע האט געהערט, אז דער טאטע מיט דער מאמע זוכן אים ארום, האט ער פארגעסן אין וואלד און גע-לאפן צוריק אין שטאט אריין.

דער הימל איז אַראָפּגעפֿאַלן

אַ אינגעלע האָט זיך געכאַלעמט, אַז דער הימל איז אַראָפּגעפֿאַלן אַף דער ערד און געבליבן ליגן ווי אַ ווייסער ליילעך אַפֿן קאָפּ פֿון די מענטשן.

דאָס אינגעלע האָט מוירע, שרייט:

זעט נאַר, זעט! דער הימל ליגט דאָך אייך אַף די קעפּ!...

אָבער די מענטשן הערן נישט און זעען נישט; זיי גייען, זיי שפּאַנען, זיי אַרבעטן, גלייך ווי עס וואָלט גאָרנישט פּאַסירט און פֿילן נישט, אַז אַף זייערע קעפּ ליגט אַ הימל מיט אַ זון, אַ לעוואָנע און שטערן.

דער אייניציקער, וואָס זעט וואָס איז געשען, איז ער, דאָס אינגעלע שימעלע, וואָס שטייט און ציטערט, אַז דער הימל זאָל כאָלילע נישט איינגאַנצן אַראָפּפֿאַלן אַף דער ערד און צעבראָכן ווערן און דאַן וועט אויך אַראָפּפֿאַלן און צעבראָכן ווערן דער גאָלדענער טעלער פֿון דער זון און די זילבערנע מאָין, די לעוואָנע און עס וועלן זיך אויסשיטן די קליינע, שיינע, בלויע שטערנדלעך.

שטייט ער אַזוי שימעלע און האַלט אונטער מיט די הענטלעך דעם הימל, האַלט און וויל בעשום־אויפֿן נישט אָפּלאָזן.

גייען פארביי כאוויירימלעך און רופן אים זיך שפילן, וויל ער נישט גיין. קומט זיין מאמע און שיקט אים אין שולע אריין, צעוויינט ער זיך:

—מאמע! ווי אזוי קען איך אהינגיין, ווען דאך, אז איך מוז צוהאלטן דעם הימל?

לאכט זי, די מאמע זיינע:

—נארעלע! וואס ארט דיך, עס איז עפעס דיין הימל?

אבער שימעלע טרעט נישט אפ; זאל מען לאכן, ער וועט נישט לאזן אראפפאלן אף דער ערד אזא שיינעם, ליכטיקן הי־מל מיט אזא זון, לעוואנע און שטערן! שטייט ער אזוי אין האלט אונטער דעם הימל מיטן גאנצן קייעך ביז ער פילט, אז די הענטלעך טוען אים שוין וויי און ער קען שוין נישט מער זיי האלטן אין דער הייך. הייבט ער אן שרייען:

—מאמע! מאמע! איך לאז אפ דעם הימל... איך האב שוין מער קיין קייעך נישט צו האלטן!..

אבער מאטע - מאמע ענטפערן נישט, זיי זיצן און טרינקען א מאטע, גלייך ווי גארנישט.

הייבט ער אן שרייען מיט אלע קייכעס. פליען אן פון אלע זייטן גרויסע פייגל און אדלערס און זיי זאגן:

—שלעכט! וואס וועלן מיר טאן אן א הימל?

—די קינדער וועלן אונדז כאפן און פארשפארן אין שטייגלעך.

—מען דארף עפעס טאן.

—מען דארף אים פרובירן אויפהייבן.

אין שימעלען כאלעמט זיך, אז פיר גרויסע אדלערס כא־

פֿן דעם הימלשן ליילער פֿון אַלע פֿיר עקן און הויבן אים אויף הויך און העכער און נאָך העכער איבער שטאָט און דעכער.

שימעלע לאָזט אָפּ די הענט, איצט איז שוין דער הימל, מיט דער זון, מיט דער לעװאָנע און מיט די שטערן הויך, הויך, איבער זיין קאָפּ. און די אָדלערס פֿליען אַלץ העכער און העכער.

—געװאַלד!—שרייט שימעלע—אַזוי הויך דאַרף מען נישט.

אָבער די אָדלערס הערן אים שוין נישט. זיי פֿליען מיטן הימל אַלץ העכער און העכער.

אַז שימעלע איז אינדערפֿרי־אַרויס אין דרויסן און געזען דעם קלאָרן הימל מיט דער ליטערער זון, װאָס איז געהאַנגען איבער דער שטאָט, האָט ער זיך שטאַרק דערפֿרייט און דער־ציילט די מייסע אַלע זיינע כאַװיירימלעך, און צום סוף זיך געריטמט:

—אָבער װען נישט איך...

און אַ קוק טוענדיק אין דער הויך צום הימל, האָט ער אַ זאָג געטאָן:

—אַ שאָד, אַ שאָד נאָר װאָס זיי האָבן אויפֿגעהויבן דעם הימל אַזוי הויך, אַז מען קען אים נישט אָנרירן מיט דער האַנט.

בײַם בריוו־קעסטל

לײבעלעס טאַטע האָט אָנגעשריבן אַ בריוו און אים גע־וואָלט גײן אַרײַנוואַרפן אין קעסטל אויפן ראָג, האָט זיך לײַ־בעלע אָנגעהויבן בעטן:

—פּאַפּאַ! גיב מיר אַרײַנוואַרפן דעם בריוו.

—דו ווײסט דען ווי אַזוי מען וואַרפט אַרײַן אַ בריוו? — פרעגט דער טאַטע.

—אַוודאי ווײס איך — זאָגט לײבעלע — מען שרײַבט אַרײַן.

—גוט, — זאָגט דער טאַטע און גיט אים דעם בריוו, — דאָס איז אַ בריוועלע צו דער מומע איטע.

כאַפּט לײבעלע דעם בריוו און לויפט אַרויס אויפן גאַס, און ווען ער קומט צו צום היטן בריוו־קעסטל אויף דער סקינע, וואַרפט ער אים אַרײַן און שרײַט:

—בריוועלע, בריוועלע,
גײ קײן לימע,
לאָז דאָרט גריסן
דער מומע איטע.

אַז לײבעלע קומט צוריק, לויפט ער צו צום טאַטן מיט אַ פרײד:

—שוין! אַרײַנגעוואָרפן.

—און האָסט נישט פאַרגעסן אַריינצושרייען?

—ניין.

—גוט. אויב אַזוי קריגסטו מאָרגן נאָך אַ בריוועלע אַריינצואוואַרפן.

אַף מאָרגן, גייט שוין לייבעלע נישט אַרויס פון שטוב. נאָר זיצט באַם טיש און וואַרט, אַז דער טאַטע זאָל אָנשרייבן דעם בריוו.

—צו וועמען איז דער בריוו? — פרעגט ער.

—צום זיידן.

דער טאַטע גיט אים דעם בריוו און מיט איין פלי איז שוין לייבעלע אין דרויסן באַם קעסטל און ער שרייט אַריין:

—בריוועלע, בריוועלע,
גיי קיין פוילן,
לאָז דאָרט גריסן
זיידע יויעלן.

אַז לייבעלע איז צוריקגעקומען, האָט אים דער טאַטע געפרעגט:

—נו, האָסט געזאָגט דעם בריוועלע וואו צו גיין?

—יאָ. — זאָגט לייבעלע, — אָבער, זאָג מיר טאַטע, ווי אַזוי קען אַ בריוועלע גיין?

—אַ בריוועלע גייט נים. עס פאָרט.

—מיט דער שיף צי מיט דער באַן?

—עס פאָרט מיט דער שיף און פאָרט מיט דער באַן, ביז עס קומט אין דער שטאָט, וואו דער זיידע איז פאַראַן. און דאָרטן, אין מיטן מאַרק, שרייט דאָס בריוועלע הויך און

שטאַרק: קינדערלעך טייערע, זאָגט מיר גלייך אויס, וואו איז דעם זיידע יויעלס הויז? האָבן קינדערלעך בריוועלעך ליב, און זיי ווייזן עס גלייך די גאַס און די שטוב.

איינמאָל, האָט דער טאַטע געגעבן לייבעלען אַריינצוואַרפן אַ בריוו קיין ראָזאַריע. גייט לייבעלע און כאַזערט זיך:

—בריוועלע, גיכער,
ניי קיין ראָזאַריע,
גרים מיינע פעטערס
בערל און אַריע.

אפן וועג טרעפט לייבעלע סימעלען, וואָס איז אויך געגאַנגען צום קעסטל מיט אַ בריוו.

—צו וועמען איז דיין בריוועלע? — פרעגט איר לייבעלע.

—צו מיין מומע כאַנע — זאָגט סימעלע.

—און דאָס איז צו מיין פעטער אַריע.

—מיינס איז אַ בלוי בריוועלע.

—מיינס איז אַ ווייס.

—אַ בלוי בריוועלע איז שענער.

—ניין, אַ ווייס בריוועלע איז שענער — זאָגט לייבעלע.

—אַף מיין בריוועלע איז דאָך פאַראַן צוויי מאַרקעס און אַף דיינע איינע!

—לאָמיר זיך בייטן.

—וויל איך נישט.

—איך וועל דיר עפּעס געבן.

—וואָס?

קלערט לייבעלע און קלערט.

—איך וועל דיר געבן מיין „זשאַ-זשאַ" — ווילסט?

—גוט. גיב מיר.

נעמט לייבעלע אַרויס זיין „זשאַ-זשאַ" און גיט אים אַוועק סימעלען און זי בייט זיך מיט אים מיט די בריוו: זי גיט אים אַוועק איר בלוי בריוועלע צו דער מומע כאַנע מיט צוויי פּאָסט-מאַרקעס, און ער גיט איר אַוועק זיין ווייס בריוועלע צו פעטער אַריע, מיט איין פּאָסט-מאַרקע, און זיי וואַרפן זיי אַריין אין קעסטל. לייבעלע שרייט אַריין:

—בלוי בריוועלע גיי קיין ראַזאַריע,
לאָז דאָרט גריסן מיין פעטער אַריע.

און סימעלע שרייט:

—ווייס בריוועלע, דו זאָלסט וויסן,
כ'לאָז מיין מומע כאַנע גריסן.

שפּעטער, אַז לייבעלע האָט דערציילט דעם טאַטן, אַז ער האָט זיך געביטן מיט סימעלען. וואָס האָט געהאַט אַ בלוי בריוועלע מיט צוויי פּאָסט-מאַרקעס. וואָס וועט דעם פעטער אין ראַזאַריע בעסער געפעלן, האָט דער טאַטע געלאַכט און געזאָגט, אַז אַלציינס וועט דער פעטער קריגן דאָס ווייסע בריוועלע, אָבער לייבעלע פאַרשטייט נישט פאַרוואָס:

—איך האָב דאָך אַריינגעוואָרפן דאָס בלויע בריוועלע! — זאָגט ער און בידעשט זיך.

די ליאַלקע עסט צוקערקעס

כאַנעלען האָט מען געקויפט אַ ליאַלקע אַ שיינע ליאַל-
קע מיט רויטע בעקעלעך, וואָס עפנט די אויגן, מאַכט זיי צו
און זאָגט אויך: מאַ-מאַ.

כאַנעלען איז די ליאַלקע שטאַרק געפעלן און זי שפּילט
זיך מיט איר אַ גאַנצן טאָג; זי איז די מאַמע, די ליאַלקע איז
דאָס קינד און אַזוי ווי כאַנעלע איז אַ גוטע מאַמע, קושט זי
דאָס קינד, גלעט עס, זינגט עס לידעלעך און דערציילט עס
מייסעלעך.

אָבער כאַנעלעס מאַמע לאָזט איר נישט דערציילן קיין סך
מייסעלעך און זאָגט איר:

—כאַנעלע! ביזט אַ שלעכטע מאַמע, דו דערציילסט דיין
קינד מייסעלעך, אָבער עסן גיסטו עס נישט.

כאַנעלע זעט, אַז די מאַמע איז גערעכט. רייסט זי אָן
שטיקלעך פּאַפּיר און הויבט אָן דער ליאַלקע קאָרמען.

—עס, קינדעלע, עס — זאָגט זי — וועל איך דיך האָ-
בן ליב.

דערנאָך גיט כאַנעלע איר ליאַלקע צו טרינקען און לייגט
עס אריין אין בעטעלע, דעקט עס איין און זאָגט:

—אַ גוטע נאַכט! קינדעלע.

כאַנעלע גייט אוועק פון בעטעלע אויף די שפּיץ פינגער

און לאָזט נישט קיינעם מאַכן קיין טומל.

—שאַ! זאָל זיין שטיל! מיין קינדעלע שלאָפט — זאָגט זי.

אַז די ליאַלקע לינט אין בעטעלע, פאַרגעסט זיך כאַנעלע, אַז זי איז אַ מאַמע און ווערט אַליין אַ קינד. זי שטיפט אַרום אין הויף, שפּילט זיך און לויפט דערנאָך צו צו דער מאַמען, זי זאָל איר געבן צוקערקעס.

די מאַמע גיט איר איין צוקערקע, אָבער כאַנעלע דינגט זיך, זי וויל צוויי.

—דו געדענקסט, כאַנעלע, וואָס מיר האָבן געשמועסט — זאָגט די מאַמע — אויב צוויי צוקערקעס, איז צוויי שטיק־לעך ברויט מיט פּוטער און צוויי גלעזער מילך.

פאַר צוויי שטיקלעך ברויט מיט פּוטער האָט כאַנעלע נישט אַזוי מוירע, דעריקער שרעקט זי זיך פאַר צוויי גלעזער מילך. מילך האָט כאַנעלע נישט ליב, מילך טרינקט זי נישט גע־רן און איז איבער אָט דער מילך ברוגעז מיט אַלע בעהיי־מעס: — אַזעלכע שלעכטע! — זאָגט זי, פאַרוואָס גיבן זיי נישט בעסער שאָקאָלאַד, צוקערקעס, באָמבאָנעס!..

כאַנעלע נעמט צו די צוקערקע און גייט אַוועק. אָבער באַלד קומט זי צוריק.

—מאַמע! און פאַר מיין קינד אַ צוקערקע?

—דיין קינד עסט צוקערקעס?

—יאָ.

—איך וויל זען.

כאַנעלע קלערט אַ ווײַלע און זאָגט:

—מיין קינד עסט ווען קיינער זעט נישט.

די מאמע לאכט און גיט איר א צוקערקע פארן קינד און כאנעלע גייט צו צום בעטעלע, וואו עס שלאפט די ליאלקע. עסט דארטן אויף די צוקערקע און קומט צוריק:

—שוין, מיין קינד שוין אויפגעגעסן.

די מאמע שמייכלט און זאגט גארנישט, נאר פארנאכט, אז עס קומט צום עסן, שטעלט זי אוועק צוויי גלעזער מילך מיט צוויי שטיקלעך ברויט און זאגט:

—איינס פאר דיר און איינס פאר דיין קינד.

כאנעלע לאכט און זאגט:

—ניין, ברויט און מילך וויל נישט מיין קינדעלע.

—זי מוז ועלן — זאגט די מאמע — אויב זי האט געגעסן צוקערקעס, מוז זי אויך עסן ברויט און טרינקען מילך.

די מאמע איז שטרענג. די מאמע הייסט שוין כאנעלען צוברענגען איר ליאלקע און געבן איר עסן און טרינקען.

—אבער מאמע, — זאגט כאנעלע — עס איז דאך נישט אן עמעס קינד, עס איז דאך א ליאלקע.

—ווי-זשע אזוי האט עס געגעסן צוקערקעס?

כאנעלע פארשעמט זיך און זאגט:

—די ליאלקע האט נישט געגעסן, נאר איך.

—אויב אזוי, עס דו אויף איר ברויט און טרינק דו אויס איר מילך.

כאנעלע האט געפאלגט.

א מייסע וועגן אן אנדער אינגל

איצכאַקל איז אַלט פינף יאָר. איצכאַקל קען נאָך נישט לייענען, נישט שרייבן, אָבער איצכאַקל ווייסט שוין, אַז קענען לייענען און שרייבן איז זייער אַ גוטע זאַך און ער זאָגט, אַז ווען ער וועט גיין אין שולע אריין און זיך אויסלערנען לייענען און שרייבן, וועט ער זיצן גאַנצע טעג, שרייבן בריוועלעך און לייענען מייסעלעך.

איצכאַקל ווייסט, אַז מייסעלעך לייענט מען אין די ביכער און אין די בלעטער. פאַרנאַכט, אַז זיין טאַטע זעצט זיך אוועק לייענען אַ בוך צי אַ בלאַט, זאָגט ער:

—פאַפאַ! לייענסט אַ מייסעלע פאַר מיר?

—יאָ — זאָגט דער טאַטע, — אַז דו וועסט זיין אַ גוטער און וועסט מיך לאָזן לייענען, וועל איך דיר שפּעטער דערציילן.

איצכאַקל זעצט זיך אַוועק אין אַ ווינקעלע און וואַרט אַ ביסל. אָבער ער ווערט באַלד אומגעדולדיק און פרעגט:

—פאַפאַ! וואָסער מייסעלע לייענסטו, פון אַ אינגעלע, צי פון אַ מיידעלע?

—פון אַ אינגעלע — זאָגט דער טאַטע און לייענט ווייטער.

אין א פאר מינוט ארום, קען זיך איצכאקל ווידער נישט איינהאלטן:

—פאפא! — פרעגט ער — פון א גוט אינגעלע, צי פון א שלעכט אינגעלע?

דער טאטע ווערט א ביסל בייז.

—פון א גוט אינגעלע. אבער, אז דו לאזט מיך נישט ליי-ענען, וועל איך נישט האבן וואס צו דערציילן דיר.

איצכאקל זעצט זיך אוועק אין ווינקל, שפילט זיך מיט זיינע העלצעלעך, מיט זיין פערדעלע און וועגעלע, אבער באלד ווערט אים די שפיל פארטיעסט.

—ווי הייסט דאס אינגעלע? — פרעגט ער.

דער טאטע קלערט און קלערט, — דאס אינגעלע הייסט איצכאקל.

—ניין! — שרייט אויס איצכאקל—איך וויל נישט, א י ך הייס דאך איצכאקל.

—גוט — זאגט דער טאטע, — אז דו וועסט זיין א שיי-נער, וועט ער הייסן יאנקעלע.

איצכאקל וויל זיין א שיינער, א גוטער, זעצט ער זיך ווי-דער אוועק נעבן זיינע שפילעכלעך און ווילווארטן ביז דער טאטע וועט אפלייענען, אבער ער קען נישט, ס׳הערצעלע צא-פלט זיך בא אים.

—פאפא! — פרעגט ער — עס איז א גרויס מיסעלע?

—יא.

—גרויס ווי פון דאנען ביז „באלנעאריא״?

—יא, אבער אז דו וועסט מיך נישט לאזן לייענען, וועט

עס זיין קליין אזוי ווי פון טיש ביז דער שטול.

איצכאקל זעצט זיך אוועק אוןווארט. ווארט לאנג און לאנג, אבער דער טאטע לייענט אלץ, קען ער זיך ווידער נישט איינהאלטן און פרעגט:

—פאפא! וואס איז געשען מיטן גוטן אינגעלע, וואס הייסט יאנקעלע?

דער טאטע ווערט בייז.

—איצכאקל! אז דו לאזט מיך נישט לייענען דאס בלאט, דערצייל איך דיר נישט קיין מייסעלע.

—דערצייל מיר פריער דאס מייסעלע, וועל איך דיך לא-זן לייענען.

—אז דו לאזט מיך נישט לייענען, האב איך דאך נישט וואס צו דערציילן דיר?

אבער, אז דער טאטע זעט, אז איצכאקל איז אזוי אומ-געדולדיק, נעמט ער אים אפן שויס און הויבט אים אן דערציילן:

—אמאל איז געווען א מיידעלע...

—פאפא! — האסט דאך געזאגט א אינגעלע — שלאגט אים איצכאקל איבער.

—יא, פארגעסן. אמאל איז געווען א אינגעלע, א שלעכט אינגעלע.

—ניין, פאפא! האסט דאך געזאגט, א גוט אינגעלע!

—גערעכט. אמאל איז געווען א אינגעלע, א גוט אינגע-לע, האט ער געהייסן איצכאקל...

—איך וויל נישט פאפא, האָסט דאָך געזאָגט, אַז ער הייסט יאַנקעלע?

—זאָל זיין אַזוי. אַמאָל איז געווען אַ אינגעלע, אַ גוט אינגעלע, האָט ער געהייסן יאַנקעלע, האָט יאַנקעלע נישט געלאָזט לייענען דעם פּאַפּאַ דאָס בלאַט...

איצכאַקלען געפעלט נישט.

—ניין! פאַפּאַ, אַזאַ מייסעלע געפעלט מיר נישט, איך וויל אַן אַנדער מייסעלע, נישט פון מיר...

זעט דער טאַטע, אַז איצכאַקל וועט אים שוין נישט אָפּלאָזן, קלערט ער אַ ביסל און זאָגט:

—גוט, הער אַן אַנדער מייסעלע:

געווען אַ אינגעלע, געהייסן יאַנקעלע, איז ער געגאַנגען איינמאָל אָפּן רעגן, איז אים אויסגעוואַקסן אַ גרויסע באָרד ביז דער ערד, האָבן אַלע קינדערלעך פון אים געלאַכט, געזאָגט: אַ קליין אינגעלע און האָט אַ באָרד ווי אַ טאַטע!.. איז ער אַריינגעגאַנגען צו אַ פריזירער, געזאָגט: פריזירער, פריזירער! שער מיר אָפּ די באָרד. האָט דער פריזירער נישט געוואָלט, געזאָגט, אַז קיין קליינע אינגעלעך האָט ער נאָך קיינמאָל קיין באָרד נישט געשוירן.

איז יאַנקעלע געגאַנגען אַהיים, גענומען אַ שער מיט אַ מעסער, געוואָלט אָפּשערן אָדער אָפּשניידן די באָרד, אָבער עס גייט נישט; דאָס שערל וויל נישט שערן, דאָס מעסער וויל נישט שניידן, וויל ער אויסציפּן מיט דער האַנט, קען ער נישט. די האָר זיינען שטאַרקע, זיי רייסן זיך נישט.

נעמט דאָס אינגעלע אַ שוועבעלע און צינדט אונטער די

באָרד. דאָס האָט געהאָלפן, אַלע האָר זיינען פאַרברענט גע-
וואָרן און דאָס אינגעלע איז געבליבן אָן אַ באָרד.

—און די גאָטבע — פרעגט איצכאָקל — די גאָטבע
האָט זיך יאַנקעלע נישט אָפגעבריט?

—ניין.

—ווי אַזוי קען עס זיין, אַז די באָרד זאָל ברענען און דאָס
פּאָנים מיט דער גאָטבע זאָל זיך נישט אָפּבריען?

דער טאַטע האָט געלאַכט.

—עס קען זיין, ווייל, ווען דאָס אינגעלע האָט זיך אונטער-
געצונדן די באָרד, איז ער געלעגן אין בעטעלע און געשלאָ-
פן און די גאַנצע מייסע האָט זיך אים בלויז געכאָלעמט.

מיין קליין שוועסטערל

איך האָב אַ שוועסטערל, הייסט זי נישט עסטערל, הייסט זי נישט פלעסטערל, נאָר גאָר —

בלימעלע.

אַז דער טאַטע דאַרף אַוועקפאָרן, הויבט בלימעלע אָן וויינען און שרייען:

—וויל נישט פּאַפּאַ וועקפאָרן !

וויינט זי און שרייט, ביז דער טאַטע גייט אַוועק און ברענגט איר אַן אויטאָמאָבילכל, ברענגט איר אַ באַנדעלע, אַן עראָפּלאַנדעלע און אַ שיפעלע.

דערזעט מיין שוועסטערל די שפּילעכלעך, הויבט זי אָן קושן און גלעטן דעם טאַטן און זאָגט:

—פאָר געזונט! פּאַפּאַ, פאָר געזונט!

נעמט דער טאַטע דאָס רענצל, געזעגנט זיך מיט אונדז אַלע און גייט אַוועק צו דער באַן.

שפּילט זיך בלימעלע מיט די זאַכן, שפּילט זיך און שפּילט, ביז זי דערמאָנט זיך, אַז דער טאַטע איז אַוועקגעפאָרן און הויבט ווידער אָן וויינען.

—איך וויל פּאַפּאַ שוין קומען!

לאַכט די מאַמע און זאָגט:

—האָסט דאָך אַן אויטאָמאָביל, אַ באַן, אַן עראָפּלאַן, אַ שיף, פאָר זשע אים נאָך, כאַפּ אים און ברענג אים צוריק אַהער.

זעצט זיך מיין בלימעלע אַוועק אַף דר׳ערד און הויבט זיך אָן שפּילן; זי פאָרט מיטן אויטאָמאָביל צום באַן, מיט דער באַן צום עראָפּלאַן, מיטן עראָפּלאַן צו דער שיף און יאָגט זיך און איילט זיך נאָכן טאַטן און שרייט: פּאַפּאַ! קום שוין צוריק אַהיים, ביז זי ווערט אַזוי אַנטשלאָפן.

סאָרעלע איז כרוינעז געוואָרן מיט זיך אַליין

אַז סאָרעלע איז אַלט געוואָרן צוויי יאָר, האָט איר די מאַמע פאָטאָגראַפירט זיצנדיק אין אַ גרויסער שטול מיט אַ פּילקע אין דער האַנט.

די פאָטאָגראַפיע איז אַרויסגעקומען זייער שיין. און די מאַמע האָט געהייסן מאַכן פון איר אַ גרוים בילד און עס אויפגעהאַנגען אַף דער וואַנט, איבער סאָרעלעס בעטעלע.

אינדערפרי, אַז סאָרעלע האָט געעפנט די אויגעלעך, האָט זי זיך באַלד אויפגעזעצט און אָנגעהויבן באַטראַכטן איר אייגענע פאָטאָגראַפיע.

ווען די מאַמע איז אָנגעקומען און זי האָט געזען סאָרעלען קוקן אַף איר אייגן בילד, האָט זי איר געפרעגט:

—סאָרעלע! ווער איז דאָס מיידעלע?

—איך ווייס נישט! — האָט סאָרעלע געענטפערט.

די מאַמע האָט זיך צעלאַכט.

—קוק זיך נאָר איין גוט, דאָס ביסטו דאָך, סאָרעלע!

סאָרעלע האָט זיך אויפגעשטעלט אין בעטעלע, געטאַפּט מיט די הענטלעך דאָס בילד און געזאָגט:

—ניין, דאָס נישט איך.

—פארוואס? — האט איר די מאמע געפרעגט.

—איך דא אין בעטעלע.

די מאמע האט זיך נאך מער צעלאכט און געזאגט:

—אויב אזוי, האב איך צוויי סארעלער: איין סארעלע אין בעטעלע און א צווייט סארעלע אף דער וואנט.

שפעטער, אז דער טאטע איז געקומען און די מאמע האט אים דערציילט, אז סארעלע וויל נישט גלויבן, אז דאס מיידעלע אפן וואנט איז נישט קיין אנדערע, ווי זי אליין, האט ער איר צוגערופן, גענומען אפן שויס און געפרעגט:

—ווער איז דאס קינדעלע אפן וואנט?

—איך נישט — האט סארעלע געזאגט.

—אבער קוק זיך נאר איין גוט, זע נאר; דאס מיידעלע האט דאך דיינע אייגעלעך, דיין נעזעלע, דיין קליידעלע, דיינע שיכעלעך און דיין פילקע אויך?

סארעלע האט א ווײַלע געשוויגן, געקוקט א פארוואונדערטע אף דער פאטאגראפיע און געזאגט:

—ניין, דאס נישט איך, דאס אן אנדער מיידעלע.

—פארוואס? — האט איר דער טאטע געפרעגט.

—איך קען גיין, איך קען עסן, קען ריידן און דאס מיידעלע קען נישט...

אז סארעלע איז א קליין ביסל אונטערגעוואקסן, האט זי אלע מאל געקוקט אף דער גרויסער פאטאגראפיע, וועלכע איז געהאנגען איבער איר בעטעלע און געפרעגט:

—מאמע! ווען עסט דאס מיידעלע?

—דאס מיידעלע עסט באנאכט, ווען דו שלאפסט...

--און ריידן, רעדט עס אויך בײנאַכט, ווען איך שלאָף?

—יאָ. ווען דו שלאָפסט, גייט עס אַראָפּ פון דער וואַנט, רעדט און שפּילט זיך.

—מיט מײַנע שפּילעכלעך?

--יאָ.

סאָרעלע האָט געקוקט אויף דער פאָטאָגראַפיע און זיך פאַרטראַכט.

בײנאַכט, ווען די מאַמע האָט געוואָלט לייגן סאָרעלען שלאָפן, האָט זי זיך אָנגעהויבן בעטן:

—לאָמיך, מאַמעשי, אויפזיין נאָך אַ ביסל!

—עס איז דאָך שוין שפּעט.

—איך וויל אַמאָל אויפזיין שפּעט.

—פאַרוואָס?

—איך וויל זען, ווי דאָס מיידעלע גייט אַראָפּ פון וואַנט און עסט, רעדט און שפּילט זיך מיט מײַנע זאַכעלעך.

די מאַמע האָט זיך צעלאַכט.

—נאַריש קינדעלע, דאָס מיידעלע גייט אַראָפּ פון וואַנט נאָר דאַן, ווען אַלע שלאָפן שוין, אויב דו וועסט אויפזיין, וועט עס נישט אַראָפּגיין.

און פון דאַמאָלט אָן, האָט סאָרעלע פיינט דאָס מיידעלע אויף דער פאָטאָגראַפיע און באַהאַלט אַלע נאַכט אירע שפּי- לעכלעך.

—זי איז אַ שלעכטע — זאָגט זי — זי וויל זיך נישט שפּילן מיט מיר, איז זאָל זי זיך אַליין קויפן שפּילצייג...

אַ צוקערל אַ קליינס—
אַ מייסעלע אַ שיינס

ברײנדעלען דאַרף די מאַמע אַלע נאַכט פאַרן שלאָפן גיין דערציילן אַ מייסעלע: אַ מייסעלע מיט אַ הינטעלע, אַ מייסעלע מיט אַ פייגעלע, אָדער אַ מייסע מיט אַ אינגעלע, וואָס וויל נישט גיין שלאָפן.

איינמאָל, האָט די מאַמע נישט געהאַט קיין מייסעלע. האָט ברײנדעלע געוויינט, נישט געוואָלט שלאָפן. האָט איר די מאַמע אַרונטערגעלייגט אונטערן קישעלע אַ צוקערל און ברײנדעלע איז אַנטשלאָפן געוואָרן אָן אַ מייסעלע.

באַנאַכט כאַלעמט זיך ברײנדעלען, אַז אַ גרויסער באַבער עפנט אויף די טיר. לויפט צו צום קישעלע, שלעפט אַפּיר דאָס צוקערל און אַנטלויפט. ברײנדעלע לויפט אים נאָך אַ באָרוועסע, אַ נאַקעטע, לויפט און שרייט:

—מיין צוקערל! מיין צוקערל!..

קומט צו אַ וויזשילאַנט און פרעגט איר, וואָס זי שרייט. דערציילט זי אים: מען האָט איר צוגעגאַנוועט אַ צוקערל.

לויפט דער וויזשילאַנט נאָך דעם באַבער. לויפט און לויפט און באַלד קומט אָן נאָך אַ וויזשילאַנט און נאָך אַ וויזשילאַנט. און אין איין מינוט זעט זי אַ סאַך, אַ סאַך וויזשילאַנטן נאָכלויפן דעם באַבער. זי זעט וויזשילאַנטן אויף פערד

און וויזשילאַנטן אַף אויטאָס; וויזשילאַנטן אַף מאָטאָציקלע-ן און וויזשילאַנטן אַף טראַמוויען און אָמניבוסן.

ברײַנדעלע לויפט אויך נאָך, לויפט און פאַלט, פאַלט און הייבט זיך אויף און באַלד זעט זי, ווי זי זיצט אַף איר ברו-דערלס טריציקלעט און יאָגט נאָך דעם באַבער. די וויזשי-לאַנטן פאָרן גיך, אָבער זי פאָרט נאָך גיכער און יאָגט זיי אַלע איבער און כאַפּט דעם באַבער.

מיט אַמאָל, זי גיט אַ קוק, עס איז נישט קיין באַבער, נישט קיין גאַנעוו, נאָר גאָר איר ברודערל איצבאָקל. די ווי-זשילאַנטן ווילן אים איינזעצן, אָבער זי לאָזט נישט.

—ניין! — זאָגט זי — עס איז דאָך מײַן ברודערל.

—אַ ברודערל טאָר אויך נישט צונעמען קיין צוקערלעך פון אונטער אַ שוועסטערס קישעלע.

—ער האָט נישט צוגענומען, איך האָב זיי אים געגעבן.

אָבער די וויזשילאַנטן גלויבן נישט און שלעפּן איר ברו-דערל אין קאָמיסאַריע און זי ווערט זיך מיט זיי. לאָזט נישט איינזעצן איר ברודערל און שרייט אַזוי לאַנג, ביז זי כאַפּט זיך אויף און זעט, אַז זי ליגט אין בעטעלע. זי טוט שנעל אַ טאַפּ אונטערן קישעלע און זעט דאָס צוקערל איז דאָ. קיינער האָט עס נישט צוגענומען, דערפרייט זי זיך און הייבט אָן שרייען:

—מאַמע!...

קומט די מאַמע צו. דערציילט איר ברײַנדעלע אַלץ, וואָס עס האָט זיך איר געכאָלעמט און די מאַמע לאַכט.

—זעסט שוין! אַ צוקערל איז אויך אַ מייסעלע.

דאָס צעטראָגענע מיידעלע

מיידעלעך קען איך א סאך. איינע פֿון זיי איז אַן אומרויקע, א צעטראָגענע מיט זייער אַ שלעכטן זיקאָרן. בײַנאַכט, אַז זי גייט זיך לייגן שלאָפֿן און טוט זיך אויס, פֿאַרגעסט זי זיך אַמאָל און אנשטאָט צו שטעלן די שיכעלעך אונטערן בעט און זיך אין בעט, טוט זי פֿונקט פֿאַרקערט: לייגט די שיכעלעך אין בעט און זיך אונטערן בעט. און אַז זי שטייט אויף און וויל אראָפּגיין פֿון בעט, האָט זי אַ טאָעס: אנשטאָט נעמען אירע פיס און אַראָפּגיין, נעמט זי דעם ברודערלס פיס און גייט מיט זיי אראָפּ.

איינמאָל האָט דאָס מיידעלע פֿון צעטראָגנקייט געהאַט אַזאַ טאָעס: זי האָט געוואָלט אָנטאָן אירע קליידער, האָט זי אָנגעטאָן דעם ברודערלס קליידער און אַזוי ארויסגעגאַנגען אין גאַס, ווי אַ אינגעלע און אוועק אין שולע, וואו די מיידעלעך האָבן איר נישט דערקענט און אַרויסגעטריבן.

גייענדיק אין שולע פֿאַרגעסט זי אַ סאך מאָל, און אנשטאָט מיטצונעמען אין שולע אַריין די העפֿטן מיט די ביכער, נעמט זי מיט אַ גאָפּל מיט א לעפל און לאָזט איבער די העפֿטן מיט די ביכער אין דער היים.

אנומלט איז דאָס מיידעלע געגאַנגען אין גאַס, איז אַ מענטש געפאַלן און זיך צעקלאַפּט, איז דאָס מיידעלע צוגע-לאָפן צו אַ טעלעפאָן, און אנשטאָט אַרויסצורופן די „אַסיס-טענסיאַ פּובליקאַ", האָט זי אַרויסגערופן די פייערלעשער. אַ צווייטמאָל ווידער, איז געווען אַ סריפע און זי האָט גע-וואָלט אַרויסרופן די פייערלעשער, האָט זי זיך פאַרגעסן און אַרויסגערופן די „אַסיסטענסיאַ".

איינמאָל איז זי געווען אין שולע, האָט די לערערקע אויסגערופן איר נאָמען, האָט זי זיך נישט אָנגערופן, זאָגט די לערערקע נאָכאַמאָל:

—כאַנעלע !

אָבער זי זיצט אויף איר אָרט און שווייגט.

קוקט איר די לערערקע אָן און פרעגט:

—פאַרוואָס רופסטו זיך נישט אָן?

—איך האָב גאָר פאַרגעסן — זאָגט זי — אַז איך בין טאַקע כאַנעלע.

איינמאָל איז כאַנעלע פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן. שטייט זי אין גאַס און וויינט. פרעגט מען איר:

—וואָס וויינסטו ?

—איך האָב שוין פאַרגעסן — זאָגט זי.

—ווי הייסטו ?

—קאַריענטעס.

—וואו וואוינסטו ?

—אויף דער גאַס כאַנעלע, נומער 645.

—ווי הייסט דיין טאַטע ?

—ראכל.

—דיין מאמע ?

—מוישע.

ווען מען האט כאנעלען געבראכט אהיים, האט דער טאטע מיט דער מאמען זי געפרעגט, וואו זי איז געווען, האט זי געזאגט, אז די נאס איז פארבלאנדזשעט געווארן און פארגעסן ווי זי הייסט. האט זי איר אפגעפירט צוריק אהיים.

אט אזא מיידעלע איז כאנעלע.

דריי, וואס האבן נישט געקאנט לייענען און שרייבן

א אינגעלע מיכל, גייט אינדערפרי מיט די ביכלעך און העפטן אין שולע אריין. פארשטעלן אים דעם וועג דריי מענטשן און פרעגן:

—וואו גייסטו, אינגעלע ?

—אין שולע אריין — ענטפערט ער זיי.

—קאנסט עפעס לייענען און שרייבן ?

—אוודע קאן איך.

—און רעכענען ?

—רעכענען קאן איך אויך.

ריידן נישט מער די מענטשן קיין ווארט. כאפן מיכלען, זעצן אים אריין אין א אויטא און הויבן אן פארן גיך - גיך.

מיכל וויל שרייען, רופן צו הילף. אבער די מענטשן לייגן צו די פינגער צום מויל און סטראשען.

—ששש — זאגן זיי — איין פיפס אז דו גיסט, דערשרעקט זיך דער מאטאר און ער פירט אונדז ארויף אף א וואנט.

—אבער וואוהין פירט איר מיך ? — פרעגט מיכל.

—ווּעסט שוין זען — זאָגן זיי אים.

—וואָס ווילט איר פון מיר ?

—ווּעסט שוין הערן.

דער אויטאָ פאָרט אַרויס אונטערן שטאָט און בלייבט שטיין פאַר א רייך הויז. די מענטשן שטייגן אויס, נעמען אַן מיכלען פאַר א הענטל און פירן אים אריין אין א גרויסער, ליכטיקער שטוב און הייסן אים זיך זעצן.

—ווילסט עפּשער, איננעלע, א גלעזל טיי? — פרעגט אים איינער.

—ניין.

—ווילסט עפּעס עסן ? — פרעגט אים א צווייטער.

—ניין.

—עפּשער א שאָקאָלאַדקע? א צוקערקע?

—ניין און ניין! איך וויל נאָר, איר זאָלט מיך לאָזן אַהיימגיין.

לאַכן זיי די מענטשן און זאָגן.

—אַוודע וועלן מיר דיך לאָזן אַהיימגיין. אָבער פריער ווילן מיר פון דיר איין זאַך: זאָלסט אונדז אויסלערנען לייענען און שרייבן.

מיכל בלייבט זיצן פאַרכידעשט; דאָס ערשטע מאָל הערט ער, אַז גרויסע מענטשן זאָלן נישט קענען לייענען און שרייבן.

—גייט, זאָגט ער, איר מאַכט חוזק פון מיר.

—ניין, מיר כ ען אף אַן עמעס, מיר קאָנען נישט.

—גייט מען אין א שולע אריין.

—מיר שעמען זיך.

—נעמט מען צו א לערער.

—מיר שעמען זיך פאר אים אויך.

האקלאל, מיכל נעמט א ביכל און הויבט אן די מענטשן ווייזן.

—איר זעט? דאס איז אן אלעף — זאגט ער.

—דאס איז א כאלעף — זאגן זיי אים נאך.

—נישט קיין כאלעף, נאר אן אלעף.

—נישט קיין אלעף, נאר א כאלעף — דרייען זיי איבער קאפויר זיינע רייד.

אבער מיכל לאזט זיך נישט. ער ווייזט זיי איינמאל און נאכאמאל און נאך צען מאל, ביז ער דערמאנט זיך אין דער חיים און הויבט אן שרייען מען זאל אים לאזן גיין צו דער מאמען, צום טאטן. אבער די מענטשן ווילן נישט הערן.

—מיר קאנען נאך נישט לייענען און שרייבן.

—עס דארף דויערן לאנג זיך אויסצולערנען.

—וועסטו זיין דא בא אונדז אזוי לאנג ביז מיר וועלן זיך אויסלערנען.

דערהערט מיכל אזעלכע רייד, הויבט ער אן וויינען און גיסן מיט טרערן. און ווי נאר ער הויבט וויינען, ווערט א ווינט, א שטורעם און עס ברעכט אויס א שלאקס רעגן.

מיכל וויינט און וויינט און דער רעגן גיסט און כליאפעט ביז עס הויבט אן ארייגרינען אין שטוב...

די מענטשן קוקן זיך איבער דערשראקן און פרעגן.

—וואס איז דאס פאר א רעגן?

—נאך קיינמאל נישט געווען אזא גאס-רעגן.

דער דריטער מענטש, וואָס איז דער עלצטער, טוט אַ קוק אַף מיכלען און זאָגט:

—אַט דאָס האָט ער אונדז געבראַכט דעם דאַזיקן גאַס-רעגן. זאָל ער אויפהערן וויינען, אַז נישט וועלן מיר דאָ פאַרפלייצט ווערן.

הויבט מען אָן מיכלען בעטן:

—הער אויף וויינען! זעסט דאָך, אַז עס רינט אונדז שוין אַריין אין שטוב.

אָבער מיכל הערט זיי נישט און וויינט נאָך שטאַרקער און אַזוי ווי ער הויבט אָן וויינען שטאַרקער, הויבט אויך אָן שטאַרקער צו גיסן און כליאַפּען.

—מיר וועלן דיר געבן אַלץ, וואָס דו ווילסט, אַבי דו זאָלסט אויפהערן וויינען — בעטן זיי זיך בא אים.

—איך וויל גאָרנישט — זאָגט מיכל — איך וויל אַהיים.

—גוט, מיר'ן דיך אַהיימפירן.

דערהערט מיכל, אַז מען וועט אים אַהיימפירן, הערט ער אויף וויינען און באַלד הערט אויך אויף צו רעגענען.

—נו, פירט מיך אַהיים! — זאָגט ער.

—אָבער איצט קען מען דאָך נישט — זאָגן אים די מענטשן — די וועגן זיינען פאַרגאָסן.

—ניין, איך וויל שוין.

—נעם קוק אַרויס, וועסטו זען צי מען קען איצט אַרויסגיין.

מיכל קוקט אַרויס און זעט, אַז די גאַס איז פאַרפלייצט.

—שלעכט. וואָס טוט מען? — פרעגט ער זיך.

—ווייסטו וואס? — זאגט דער עלטצטער פון די דרייטן א שמייכל, ווערסטו זען ווי דער הימל וועט זיך באלד אויסלייטערן און עס וועט אויפשיינען די זון.

מיכל פאלגט. ער טוט א שמייכל און דער הימל ווערט אויסגעלייטערט, טוט א לאך און עס באווייזט זיך די זון און באלד ווערט אין דרויסן ווידער שיין און טרוקן און די מענטשן זעצן אריין מיכלען אין אויטאמאביל און פירן אים אפ צוריק אהיים.

פאר זיין שטוב זעט מיכל ווי די דריי מענטשן זיינען טרויעריק, קריגט ער אף זיי ראכמאנעס און פרעגט:

—וואס זיינט איר טרויעריק, מענטשן?

—ווי זאלן מיר נישט זיין טרויעריק, אז ויר קענען נישט לייענען און שרייבן.

—עס איז דאך אונדז א כארפע און א שאנד. דו אזא קליינער קענסט לייענען און מיר גרויסע, נישט....

—אז מען קען נישט לייענען איז אומעטיק אף דער וועלט, נישטא וואס צו ...

מיכל האט געקריגן ... לייד אף די מענטשן און זיי געזאגט:

—ווייסט איר וואס, קומט צו מיר אלע אוונט אין שטוב, וועל איך אייך אויסלערנען.

פון דעמאלט אן, קומט אלע אוונט צו מיכלס שטוב צו אן אויטאמאביל און עס שטייגן אויס דריי עלטערע מענטשן, וועלכע זוימען זיך בא מיכלען א שעה און צוויי. אבער קיינער ווייסט נישט, אז אט די גרויסע מענטשן זיינען דעם קליינעם מיכלס שילער.

ווען די ליאַלקעס ריידן

אַ מיידעלע ציוויעלע האָט געבעטן איר מאַמען, זי זאָל איר קויפן אַ זאַכעלע, ווייל זי האָט נישט מיט וואָס צו שפּילן זיך.

פרעגט איר די מאַמע:

—און וואו איז דיין ליאַלקע?

—זי איז צעבראָכן.

—און דיין באַל?

—מיין באַל ליגט אַף אַ דאַך.

—און דאָס בלייערנע סאָלדאַטל?

—ער האָט שוין נישט קיין קאָפּ, קיין פיס און קיין אויגן.

ווערט די מאַמע בייז און זאָגט:

—ניין, אַז דו צעברעכסט אַלץ, קויף איך דיר נישט מער קיין שום שפּילכל.

בעט זיך ציוויעלע:

—קויף מיר! איך וועל שוין נישט צעברעכן.

פאָלגט זי די מאַמע און גייט מיט איר אַריין אין אַ קראָם פון שפּילצייג און הייסט זיך געבן אַ שיינע ליאַלקע.

דער מענטש קריכט אַרויף אַף אַ לייטער און נעמט אַראָפּ אַ סאַך פּושקעס, עפנט זיי אויף און זאָגט:

—קלויבט זיך אוים. וועלכע געפעלט אייך?

ציוויעלע ווייזט אן אף איינער און זאגט:

—אט די געפעלט מיר, מאמע.

נעמט די מאמע די ליאלקע אין דער האנט אריין און בלייבט שטיין.

—דו הערסט די ליאלקע וויינען?

—ניין.

—איך הער. דו ווייסט, וואס זי זאגט? זי וויל נישט גיין צו דיר אהיים. זי זאגט, אז איר שוועסטערל איז אריינגעפאלן צו דיר אין די הענט אריין, האסטו איר אויסגעריסן א האנט און אפגעשניטן אן אויער...

און די מאמע לייגט אוועק די ליאלקע און זאגט:

—מיט גוואלד קען מען זי נישט נעמען. איך וועל פרובירן קויפן א זעלנערל.

די מאמע גייט צו צו אן אנדער פאליצע, וואו עס שטייען א סאך בלייערנע זעלנערלעך און בלייבט שטיין דערשראקן:

—הער נאר. ווי זיי שרייען!..

—וואס שרייען זיי?

—זיי זאגן, אז דו האסט זייערן א כאווער אפגעהאקט א קאפ און אויסגעבראכט די אויגן און זיי האבן דעריבער זיך אלע געגעבן א ווארט, אז קיינער פון זיי זאל נישט איבערטרעטן מער דיין שוועל... פארפאלן! איך וועל דיר שוין מוזן קויפן עפעס אנדערש.

און די מאמע גייט צו צו א קעסטל, וואו עס ליגן גרויסע קאלירטע באלן און זאגט:

—קויפן דיר אזא באל, ציוויעלע?

אבער איידער ציוויעלע ענטפערט, בלייבט די מאמע שטיין מיט אויפגעריסענע אויגן.

—הער נאר דעם געוואלד! זיי זיינען אויך אלע בייז אף דיר . . .

—פארוואס ?

—זיי זאגן, אז א כשווערטע ווייערש איז אריינגעפאלן צו דיר אין די הענט אריין, האסטו איר באלד, אפן צווייטן טאג, ארויפגעווארפן אף א דאך, וואו זי איז אפגעלעגן א גאנצן ווינטער אף דער קעלט און שיר נישט געפרוירן געווארן...

—קויף-זשע מיר עפעס אנדערש.

—נו, גיט מיר שוין א קעסטל דאמינעס — זאגט די מא-מע צום מענטש.

דער פארקויפער שמייכלט און גיט דער מאמען א קעסטל ביינערנע דאמינעס, אבער באלד בלייבט זי שטיין.

—שלעכט. זיי ווילן אויך נישט גיין צו דיר. דער עלצטער פון זיי, דער זעקס-זעקס, שרייט, אז עס איז אמאל געווען צווי-שן זיי א פאמיליע דאמינעס, וועלכע האבן זיך שטענדיק גע-האלטן צוזאמען, האסטו זיי צעשיידט און א סאך פארווארפן אפן מיסט און א סאך פארשטעקט אין די וואסער-רערן און די איבעריקע, וואס זיינען געבליבן, האסטו פארוקט ערגעץ אין א ווינקל, וואו זיי קוקן אפילע נישט אן די ליכטיקע שיין...

ציוויעלעס מאמע האט איבערגעלאזט די דאמינעס און געוואלט דערנאך קויפן אנדערע זאכן, אבער אלע, האט זי געזאגט, דערשרעקן זיך, וויינען און בעטן מען זאל זיי נישט

איבערגעבן צו דער שלעכטער ציוויעלען אין די הענט. און דערנאָך, אַז די מאַמע האָט שוין נישט געהאַט וואָס אויסצו־קלייבן, האָט זי געזאָגט:

—ווייסטו וואָס, בעט איבער די ליאַלקעס, זאָג זיי, אַז דו וועסט זיי שוין מער קיין שלעכטס נישט טאָן און שוין אָפּ־היטן, עפּשער וועלן זיי צוריק ווערן כּאַווער מיט דיר.

ציוויעלע האָט אַזוי געטאָן און די מאַמע האָט איר גע־קויפט אַ גרויסע, שיינע ליאַלקע, וועלכע זי היט שוין טאַקע אָפּ אַזוי ווי אַ מאַמע היט אָפּ אַ קינדערלע.

דאָס וואונדערקעסטל

דער העלפאַנט האָט געקויפט אין שטאָט אַ ראַדיאָ-אַפּאַראַט און אים אַהיימגעבראַכט. באַנאַכט, ווען ער האָט אים אָנגעשטעלט, איז דורכגעגאַנגען דער לייב און דערהערנדיק, אַז באַם העלפאַנט אין שטוב שפּילט מען אַזוי שיין, קלאַפּט ער אָן:

—העי, העלפאַנט! קום נאָר אַרויס.

דערהערט דער העלפאַנט דעם לייבס שטימע, דערשרעקט ער זיך, שטעלט אָפּ די ראַדיאָ און גייט אַרויס פאַר דער טיר.

—וואָס באַגערסטו, גנעדיקער לייב?

—איך וויל וויסן, ווער עס שפּילט באַ דיר אַזוי שיין.

האָט דאָך דער העלפאַנט-מוירע, זאָגט ער:

—דאָס זינגט מיין זון, גרויסער הערשער פון וואַלד.

—אַזוי! — זאָגט דער לייב — איך האָב גאָרנישט געוואוסט, אַז דו האָסט אַזאַ געראָטענעם זון. מען קען אַריינגיין?

הויבט אָן דער העלפאַנט צו ציטערן און זאָגט:

—כאָלילע! ער וועט זיך נאָך דערשרעקן אָפּ טויט.

גייט דער לייב אַוועק און דערציילט אַלע זיינע פריינט.

—דער העלפאנט האט א זונדל, זינגט ער, איז א מעכייע צו הערן.

—טאקע? — זאגט דער פוקס — אויב אזוי, וואלט איך פארגעשלאגן, אז די זאלסט מאכן א באל און איינלאדן דעם העלפאנט מיטן זונדל, אז ער זאל פאר אונדז זינגען.

—גערעכט! — האט דער לייב געזאגט — איך האב שוין אויך געטראכט וועגן דעם.

אז דער העלפאנט האט באקומען די איינלאדונג, איז אים אוש נישט גוט געווארן.

—וואס טוט מען? — האט ער זיך געטראכט — איך האב דא פארקאכט א שיינע קאשע. אז דער לייב וועט גע־וואויר ווערן, אז איך האב אים אפגענארט, וועט ער מיך דער־הארגענען.

פאלט אים איין א געדאנק: ער וועט שיקן זאגן דעם לייב, אז דער זון איז קראנק און קען נישט קומען.

אז דער שליעך איז אנגעקומען מיט דער יעדיע צום לייב, האט דער באל געהאלטן אין רעכטן ברען. די גאנצע סמעטענע פון וואלד איז געווען אנוועזנד און אלע האבן גע־ווארט אומגעדולדיק אפן העלפאנט מיטן געראטענעם זון.

—א שאד, א שאד, — האבן אלע געזאגט — מיר האבן זייער געוואלט הערן דעם העלפאנט זינגען.

—ווייסט איר וואס — האט געזאגט דער פוקס — לאמיר אלע גיין דעם קראנקן מעזוואקער־כוילע־זיין.

—גוט, לאמיר גיין.

אַז די כאַליאַסטרע איז אָנגעקומען פֿאַרן העלפֿאַנטס שטוב, איז ער שוין געשלאָפֿן און ווען דער לייב האָט אָנגע־קלאַפּט, איז דער העלפֿאַנט אַרויס נישט טויט, נישט לעבעדיק.

—מיר זיינען געקומען מעוואַקער־כוילע־זיין דיין זון. וואָס איז אים? — האָט דער לייב געפֿרעגט.

—ער איז אַ ביסל פֿאַרקאַטערט.

—מען קען אַריינגיין?

דערשרעקט זיך דער העלפֿאַנט און זאָגט.

—כאַלילע, ער שלאָפֿט און וועט זיך נאָך איבערשרעקן.

—דערלויב, אַלמעכטיקער לייב — האָט דער פֿוקס גע־זאָגט — אַזוי ווי איך פֿאַרשטיי אַ ביסל דאָקטאַריע, וועל איך אַריינגיין אַ טאָפּ טאָן דעם קראַנקן באַם דייפּעק און אים ווינטשן אין דיין נאָמען אַ רעפֿוע שלײמע.

—גוט — האָט דער לייב געזאָגט — גיי.

אַז דער פֿוקס איז אַריין אין שטוב, האָט ער זיך קוידעם גענומען אַרומקוקן אױף אַלע זייטן און באַלד דערזען דעם ראַ־דיאָ־אַפּאַראַט.

—וואָס איז דאָס? — האָט ער געפֿרעגט.

דער העלפֿאַנט איז צעמישט געוואָרן.

—דאָס?.. דאָס איז אַזאַ קעסטעלע...

—צו וואָס איז דאָס קעסטעלע?

פֿאַלט דער העלפֿאַנט אױף אַ סייכל און זאָגט:

—דאָס קעסטעלע איז אַ מאַמאַנע פֿון אַ פֿריינט. וועלכער האָט מיר פֿאַרזיכערט, אַז ווען מיין זון וועט פֿאַרלירן די שטי־מע, וועט דאָס קעסטעלע איבערזינגען אַלע זיינע געזאַנגען.

—לאָמיר זען — האָט דער פוקס געזאָגט — עפשער האָט שוין דיין זון פארלוירן די שטימע?

דער העלפאַנט האָט זיך דערפרייט מיט זיין איינפאל און אנגעשטעלט דעם אפאראט, וועלכער האָט זיך צעלאזט מיט א פריילעכס און אלע כייעס אין וואלד מיטן העלפאנט אין דער מיט, האָבן אנגעהויבן טאנצן און הוליען ביזן ווייסן טאָג אריין.

שטייט אַ אינגעלע אין גאַס

מוישעלע קוישעלע האָט פאַרבלאָנדזשעט; מוישעלע קוי-שעלע ווייסט נישט וואו אַהיימצוגיין, שטעלט ער זיך אַוועק אַף דער „סקינע" און וויינט.

קומט צו איין מענטש און נאָך אַ מענטש און נאָך, נאָך אַ סאַך מענטשן און זיי פרעגן:

—וואָס וויינסטו, אינגעלע?

מוישעלע קוישעלע שטייט אָראָפּגעלאָזט דאָס קעפּל, וויינט און ענטפערט נישט.

קומט אָן אַ פרוי, גיט זי מוישעלע קוישעלען אַ קאַראַ-מעלע און גלעט אים איבערן קאָפּ.

—זאָג, אינגעלע, וואָס וויינסטו?

מוישעלע קוישעלע נעמט די קאַראַמעלע אין מויל אַריין, שמאַטשקעט און וויינט, וויינט און ענטפערט נישט.

—עפּשער ווייסטו נישט וואו אַהיימצוגיין?

מוישעלע שאָקלט מיטן קאָפּ אַף יאָ.

נעמט מען מוישעלע קוישעלען אויספרעגן:

—וואו וואוינסטו?

—אין שטוב.

—וואו איז די שטוב ?

—אין דער היים.

—וואו איז די היים ?

—בא דער מאמען.

—ווי הייסט דיין מאמע ?

—כייע.

—ווי נאך?

מוישעלע ווייסט נישט.

דערווייל זעט א וויזשילאנט עס שטייען מענטשן, קומט ער צו און פרעגט, וואס איז דא געשען. זאגט מען אים:

—א איינגעלע האט פארבלאנדזשעט.

גייט ער צו צום איינגעלע, נעמט אים פארן הענטל און פרעגט:

—אף וואסער גאס וואוינסטו?

דערשרעקט זיך מוישעלע נאך מער פארן וויזשילאנט און הייבט אן שטארקער צו וויינען.

נעמען מענטשן מוישעלען פארן הענטל און פירן אים ארום איבער אלע גאסן.

—דא וואוינסטו ?

—ניין.

—דארטן וואוינסטו ?

—אויך נישט.

—פאר דיין שטוב גייט א טראמוויי?

—יא.

—וואסער טראמוויי, א ווייסער צי א גרינער?

—אַ ווייסער.

—אזעלכער, וואָס גייט דאָרט?

—אזעלכער.

נעמט מען מוישעלען אַרויף אַף אַ טראַמוויי און מען פאָרט מיט אים אַרום.

פאָרט מען גאַס אויס, גאַס איין, מוישעלע זיצט באַם פענצטער און קוקט אַרויס אַ טרויעריקער, אַ פאַרוויינטער. אָבער פלוצים טוט ער א שפרונג אויף פון פרייד און שרייט אויס:

—דאָ וואוין איך!

שטעלט מען אָפּ דעם טראַמוויי און מוישעלע גייט אַראָפּ און לויפט אַריין גלייך אין שטוב אַריין.

פירט מען א טאטן אין שולע אריין

א קורצזיכטיקער איד שטייט אף א „סקינע״ און ווארט אף אן אמניבוס צו פארן צו דער ארבעט. קומט אן א קאטש, וואס פירט קינדערלעך אין קינדערגארטן, דערזעט ער דאך נישט, הויבט ער אויף די הענט און הייסט אים זיך אפשטעלן.

פארגלוסט זיך דעם שאפער א שפאס טאן און ער שטעלט אפ דעם אויטא און דער איד גייט ארויף און זעט א פולן קאטש מיט אינגעלעך און מיידעלעך אין ווייסע כאלאטלעך.

—וואו פארט איר קינדערלעך? — פרעגט ער.

—אין שולע אריין.

—און וואו איז דער „גווארדא״?

לאכן זיי די קינדערלעך און זאגן:

—מיר האבן אים פארלוירן אפן וועג.

ליינט דער איד אריין אין קעשענע די צען סענט און פרעגט:

—דער אמניבוס גייט דורך קאריענטעס?

—יא.

—אויב אזוי, איז גוט — זאגט ער און זעצט זיך אנידער אף א בענקל.

דער אָמניבוס פֿאָרט גיך און די קינדער קוקן זיך איבער מיטן שאָפֿער און לאַכן, אָבער דער איד זעט נישט, ער קוקט זיך אַרוים דורכן פֿענצטער פֿאַרטראַכט.

דער אָמניבוס קומט צו צו דער שולע און בלייבט שטיין, און דער שאָפֿער נעמט אַראָפּ אַלע קינדערלעך און גיט זיי אי-בער דעם אויפֿזעער.

—איר זעט — זאָגט ער, ווייזנדיק אָפֿן איד — איך האָב אייך געבראַכט אַ נייעם שילער!

—אַזאַ גרויסן?

—יאָ.

דער אויפֿזעער נעמט אָן דעם איד פֿאַר דער האַנט און וויל אים אַריינפֿירן אין שולע, אָבער ער וויל נישט גיין.

—וואו פֿירט איר מיך?

—אין שולע אַריין.

—וואָס בין איך אַ קינד?

—אין דעם אָמניבוס פֿאָרן קינדער.

און ער נעמט דעם איד און שטופּט אים אַריין אינעווייניק.

דער איד בייזערט זיך און שרייט:

—איך בין נישט קיין קינד! איך בין שוין אַ טאַטע. איך דאַרף גיין צו דער אַרבעט.

אָבער דער מענטש נעמט אים פֿאַר אַ האַנט און זעצט אים אוועק בעגוואַלד אַף אַ בענקעלע צוזאַמען מיט אַלע קינדער-לעך. און בייזערט זיך אָן אַף אים.

—איצט שפּילט מען זיך נישט אין קיין טאַטע. שפּעטער,

ווען מען וועט אפלערנען, וועסטו זיך שפילן...

די לערערקע קומט [illegible]ן. די קינדערלעך שטעלן זיך אויף,
באגריסן איר און זי פ[illegible]עג[illegible].

—ווער קען דערציילן די מייסע מיט די דריי בערן ?
אלע קינדער הויבן אויף די האנט.

—און איר? — פרעגט זי דעם איד — איר ווייסט די מיי-
סע מיט די דריי בערן ? —

קוקט ער איר אן, דער איד.

—וואסערע בערן! וואסערע שמערן! איך בין נישט קיין
קינד... איך בין א טאטע... איך דארף גיין צו דער ארבעט...
שרייט-זי אן די לערערקע אף אים: —

—הערט אויף מאכן שפאס! איצט איז א לעקציע.

אבער דער איד בלייבט נישט שטיל. ער שרייט, אז ער
וויל נישט גיין אין שולע, ער דארף ארבעטן, ער איז א טאטע,
ער האט שוין קינדערלעך אפילע.

זעט די לערערקע, אז דער שילער לאזט איר נישט געבן
די לעקציע, שטעלט זי אים אריין אין א ווינקל און אלע קינ-
דער קוקן אף אים און לאכן. —

—אזא גרויסער און פירט זיך אויף ערגער ווי אלע
קליינע.

דער איד איז אהיימגעקומען פארנאכט און דערציילט די
קינדערלעך זיינע, וואס מיט אים איז געשען און זיי האבן
געלאכט.

—אוי, ס׳א שיין מייסעלע — האבן זיי געזאגט — דער טאטע איז געגאנגען אין שולע אריין!..

—וואס-זשע האט מען זיר דארטן אויסגעלערנט?

—א מייסע מיט דריי בערעלעך.

—דערציייל זי אונדז.

האט דער טאטע דערציילט די קינדערלעך די מייסע מיט די דריי בערעלעך און די קינדערלעך האבן זיך געפריים און געבעטן דעם טאטן, אז ער זאל אלע טאג גיין אין שולע אריין און זיך אויסלערנען דארטן מייסעלעך.

אינהאַלט

זייט

די בוימער זיינען ברויגעז געוואָרן — 5
דאָקטער בראָקטערס רעצעפּטן — 8
מיכל מיטן אָמניבוס — 11
דאָס פאַרבלאָנדזשעטע קעצל — 15
דער טאַטע קומט אַהיים — 17
די פאַרוויינטע גאָס — 19
פישעלע מיטן טישעלע — 22
דער קוימען גייט אים נאָך — 24
אָרעלע נאַרעלע — 28
דאָס קינד, דער ווינט, דער הונט — 30
דאָס אייזל, וואָס האָט מוירע פאַר דער לעוואָנע 32
איצכאָקל איז געוואָרן אַ גרויסער — 35
גייט אַ קאָץ אין שולע אַריין — 38
דאָס אינגעלע, וואָס האָט פאַרלוירן דאָס צינגעלע 40
דער גאָלדענער פויגל — 43
זימעלע און שימעלע — 46
דאָס מיידעלע אין שטייגעלע — 48
די שיף וואָס גייט נישט אָפּ — 52
דאָס אינגעלע וואָס איז געפאָרן רייטנדיק אויף
דער לעוואָנע 55
מוישעלע זוכט זיין לופט-באַלאָן — 59
דאָס אינגעלע, וואָס האָט געוואָלט זען דעם וואַלד 61
דער הימל איז אַראָפּגעפאַלן — 63

דאָס בריזו-קעסטל — — — — — — — — — 67
די ליאַלקע עסט צוקערקעס — — — — — — 71
אַ מייטע וועגן אַן אַנדער אינגעלע — — — — — 74
מיין קליין שוועסטערל — — — — — — — — 79
סאָרעלע איז ברויגעז געוואָרן מיט זיך — — — 81
אַ צוקערל אַ קליינס, אַ מייסעלע אַ שיינס — — 84
דאָס צעטראָגענע מיידעלע — — — — — — — 86
דריי וואָס האָבן נישט געקענט ליענען אין שרייבן 89
ווען די ליאַלקעס ריידן — — — — — — — — 95
דאָס וואונדער-קעסטל — — — — — — — — 99
שטייט אַ אינגעלע אין גאַס — — — — — — — 103
פירט מען אַ מאַטן אין שולע אריין — — — — 106

פרעמדע ווערטער

ווישילאַנט — פּאָליציי־מאַן
סעניאָר — הער
אַלמאַסען — שפּייז־געוועלב
באַלנעאַריע — אַ פאַרווײלונגס פּלאַץ נעבן ברעג יאַם
סוואַדרעס — בלאָקן
סקינע — ראַנג
פּעלאָטע — באַל
פּלאַסע — בולוואַר
מאַטע — אַ פּאָפּולערער געטראַנק ענלעך אַ טיי
קוואַדרע — בלאָק, קוואַרטאַל
קאָמיסאַריע — קאָמיסאַריאַט
זשאַ־זשאַ — יאַ־יאַ
אַסיסטענסיאַ פּובליקאַ — גיכע הילף

דרוקעריי פון קראַפּילאָווסקי און פּערצאָווסקי, וואַל. נאַסען 2719 — ב. איירעס

LITMAN.

FUN ALE ZIBN ZAJN

(Cuentos Infantiles)

BUENOS AIRES
1933